# געשמאקע ענינים

## בדרך דרוש וחסידות

שיעורי הרב משה יצחק
אויסטערליץ שליט"א

חג הסוכות
זמן שמחתינו
תשפ"ה

# חג הסוכות - זמן שמחתינו - תוכן הענינים

פרק א' - די הייליגע שאטן פון די סכך........................................ ג'

פרק ב' - אונזער הכנה זוכה זיין צו קדושת סוכה.........................י"ח

פרק ג' - שעפן קדושה פון יו"ט און די אושפיזין.........................כ"ח

פרק ד' - די מצוה און ברכה 'על נטילת לולב'.........................ל"ח

## הוצאות הגליון נתנדב ע"י

מו"ה ר' **יעקב יוסף קאהן** הי"ו לע"נ אביו הרה"ח ר'
**מרדכי** ב"ר **משה אליהו הכהן** ז"ל
היארצייט ביום י"ח תשרי

**ידידנו הנדיב הנכבד הי"ו**
לרגל שמחת לידת בנו למזל טוב

**שאר דרשות עה"ת ומועדים**
**ניתן לשמוע בקו 'קול התורה' דחסידי סקווירא**
**845-678-8363 > 2 > 4 > 7**
**שיעורים על סוכות #523/ #98/ #428**

## חג הסוכות - זמן שמחתינו

# פרק א' - די הייליגע שאטן פון די סכך

די משנה זאגט אין מס' סוכה: "**זה הכלל כל שהוא מקבל טומאה ואין גידולו מן הארץ אין מסככין בו, וכל דבר שאינו מקבל טומאה וגידולו מן הארץ מסככין בו**". ברענגט דארט די גמרא (יב.), אז די מקור אויף די הלכה אז סכך דארף זיין א זאך וואס איז נישט מקבל טומאה און ס'איז גידולו מן הארץ לערנט מען ארויס פון די לשון הפסוק אין פרשת ראה (טז, יג) (די קריאה פון שמיני עצרת) **חג הסוכות תעשה לך שבעת ימים באספך מגרנך ומיקבך**, [וואס בפשטות מיינט די תורה צו זאגן אין וועלכע זמן מ'פראוועט יו"ט סוכות, ווי מ'זעהט אין אנדערע פסוקים אז דאס איז דער טעם פארוואס ס'איז א זמן שמחה ווייל דעמאלטס נעמט מען צוזאם די תבואה], לערנט מען אבער אויך ארויס פון דעם די צורת המצוה, פון וואס מאכט מען א סוכה, פון 'באספך מגרנך ומיקבך', און ווי די גמרא ווייזט אויף אז דאס מוז מיינען פסולת גורן ויקב, די צווייגעלעך וואס בלייבט איבער פון די יקב [=ווייגארטן], און די שטרוי וואס בלייבט איבער פון די גורן [=שייער], און דאס זענען דאך אזעלכע סארט זאכן וואס זענען 'גידולו מן הארץ', און 'נישט מקבל טומאה', לערנט מען פון דעם אז די סכך דארף אויך זיין נאר פון זאכן וואס זענען 'גידולו מן הארץ ואינו מקבל טומאה'.

ס'דא אן אינטערעסאנטע הערה אין **שו"ת חוות יאיר** (סימן קס"ז) אינמיטן א תשובה, פרעגט ער, פארוואס זעהט מען נישט עפעס א חומרא, עפעס א הידור מצוה, אז מ'זאל טאקע מקיים זיין דער פסוק כפשוטו, אז מ'זאל זוכן צו מאכן סכך דווקא אדער פון שטרוי וואס קומט פון א גורן אדער פון צווייגעלעך פון טרויבן, אזויווי די פשוטו של מקרא, און פארוואס זאל מען נישט ווילן מקיים זיין דעם קרא כדכתיב. אידן זוכן דאך צו טוהן א מצוה בשלימות, מ'לייגט דאך אריין אזוי פיל כוחות און הוצאות צו קענען טוהן א מצוה ווי מער בהידור, פארוואס זאל מען נישט מקפיד זיין דערויף. אין הכי נמי אוודאי לערנט מען טאקע ארויס אז ס'איז נאר א סימן און מ'קען נוצן אלע סארט סכך, אבער אלס לכתחילה אויך נישט?, און ער בלייבט 'צריך עיון' אז מ'זעהט נישט אז מ'איז

מהדר אז די סכך זאל ממש זיין בפועל פון פסולת גורן ויקב, נאר מ'נוצט סיי וועלכע צווייגן און בלעטער.

**[ער לייגט צי, נאך א פלאץ וואו מ'קען האבן אן ענדליכע הערה, ביי מצות ביכורים שטייט אויך אין דער לשון הפסוק אז די ביכורים זאל מען אריין לייגן 'בטנא', אין א קארב, און למעשה זעהט מען שוין אין די משנה אז די עשירים פלעגן נישט ברענגען אין א קארב וואס איז געשטריקט פון צווייגעלעך פון ערבות נאר זיי האבן געברענגט אין שיסלעך 'קלתות של כסף וזהב'. קען מען דאך אויך פרעגן וואס איז די הידור פון ברענגען אין א שיסל פון כסף, אז די תורה זאגט מ'זאל לייגן אין א קארב. לגבי דעם זאגט ער אז ס'קען זיין אז ס'איז נישט קיין חלק פון די ציווי המצווה, נאר די תורה זאגט נאר די סדר הדברים אז מ'לייגט עס אין א קארב, אבער דא ביי חג הסוכות איז דאך עס יא די ציווי המצוה 'באספך ומגרנך ומיקבך' אזוי זאלסטו מאכן די סוכה. דארף מען פארשטיין די מנהג פון כלל ישראל אין דעם ענין].**

## די מעלה פון 'בוים'-סכך

דער **בן איש חי** (פרשת האזינו, שנה ראשונה) זאגט אז ס'איז דא א פנימיות'דיגע טעם פארוואס כלל ישראל פירט זיך צו נוצן דווקא ענף האילן[א] **[ער ברענגט עס נישט לגבי די שמועס פונעם חות יאיר, אבער מ'זעהט אז ער האט אנגענומען פארקערט אז ס'איז גאר בעסער אזוי]** ווייל מ'ווייסט דאך אז די גאנצע סוכה איז דאך אלס שמות הקדושים, און די באקאנטע שם איז דאך די גמטריא פון די ווארט סוכה, איין און ניינציג, אזוי ווי די צוויי שמות הק' די שם הוי"ה און די שם א-ד-נ-י. זאגט דער **בן איש חי** אז פונקט ווי די ווארט סוכה האט די גמטריא פון די צוויי שמות הק' איז זיכער א הידור אז די סכך זאל אויך האבן דעם באהאלטענע רמז, דערפאר נעמט מען צווייגן פון א אילן, **אילן** איז דאך אויך די זעלבע גמטריא פון איין און ניינציג, קומט אויס אז סיי אין די **סוכה** און סיי אין די סכך וואס קומט פון א **אילן**, אין ביידע איז דא די גמטריא פון **צ"א**, די

---

א באמת רוב עולם האט ביי אונז נישט די מעגליכקייט צו מאכן סכך ממש פון צווייגן, אבער די נייע סכך וואס מ'האט די לעצטע פאר יאר געלאזט ברענגען פון די מרחקים פארן רבי'ן'ס סוכה לויט די הידור פון רבוה"ק זיך נאר צו באנוצן מיט ארגינעלע סכך וואס מ'האט נישט געטוהן מיט דעם קיין שום פעולות און פאר די גרויסע סוכה האט מען געדארפט ברענגען אזעלכע ספעציעלע העלצערלעך, ממש צווייגן פוןביימער האט עס דעם רמז, דעם מצוה מן המובחר וואס דער בן איש חי ברענגט.

גמטריא פון די צוויי הייליגע שמות הקדושים, און דערפאר איז עס א מצוה מן המובחר[ב].

און דער ענין אז די סוכה איז דאך אלץ שמות הקדושים, און אז סוכה איז דאך א פלאץ פון **צילא דמהימנותא**, ווי עס זענען נאר די אידישע קינדער מיט דער אויבערשטער אליינס, און א גוי האט נישט וואס צו זוכן דארט אין די סוכה, טייטשט ער אין אין פסוק **ה' בדד ינחנו ואין עמו אל נכר**, בד"ד איז אזוי ווי ב' ד"ה, 2 מאל ד', אזוי ווי די צוויי שמות פונעם אויבערשטען וואס האבן ביידע פיר אותיות, **ה' ב' ד"ד ינחנו**, דער אויבערשטער טוהט פירן אידישע קינדער, אין סוכה אריין, וואס האט אין זיך די גימטריא פון צוויי מאל דלית, פון צוויי שמות פון פיר אותיות, און אין דעם הייליגען פלאץ וואס דער אויבערשטער נעמט צוזאמען ארום די אידן, דעם אור מקיף, איז **ואין עמו אל נכר**, א גוי קען נישט דארט אריין קומען, זיי האבן נישט קיין שייכות צו דעם אור מקיף, כמ"ש והנחש היה ערום, זיי זענען אן קיין אור, אן קיין היקף, נאר אידישע קינדער קומען דארט אריין אין דעם דלית.

זעהט מען אז מנהגם של ישראל תורה הוא, אז מ'נוצט ענפי אילן פאר סכך, אפילו עס האט נישט קיין מקור אין די פשטות הפסוק, ליגט אין דעם באהאלטענע רמזים. יעדע דבר שבקדושה האט זיך זיין פנימיות'דיגע רמז, וואס געבט ארויס די העכערקייט, די קדושה, און די פנימיות פון די מצוה.

## די סוכה פון אברהם אבינו

באמת דאס וואס מ'זעהט אז ס'איז א הידור פון ענפי אילן - צווייגן פון א בוים, סיי וועלכע בוים פאר סכך, דאס פירט אביסל צי צו די שמועס וואס ווערט דערמאנט אין דער פייט פון יו"ט סוכות, און ס'איז געבויעט אויף א **מדרש**, און אויך אין **זוהר הקדוש**, מאכט מען עס פאר א גאנצע עסק. פון ווי נעמט זיך די מתנה וואס דער אידישע קינדער האבן זוכה געווען צו אזא

ב ער ברענגט דארטן אז ביי אונז אין באגדאד, דארטן וואקסט דאך אסאך טייטל ביימער נוצט מען טאקע צווייגן פון א טייטל בוים און ער פירט אויס אויף דעם דער פסוק פון צדיק כתמר יפרח, האט עס א ספעציעלע חשיבות.

הייליגע מצוה סוכה. דער **מדרש** (פרשת וירא) רעכענט אויס אז די אלע טירחות וואס אברהם אבינו האט זיך מטריח געווען ביום שמיני למילתו פאר די געסט, אז א יעדע פעולה און אויף יעדע פעולה פון די מסירת נפש'דיגע הכנסת אורחים פון אברהם אבינו האט דער אויבערשטער באצאלט פאר אידישע קינדער אין דריי זמנים, **במדבר**, זייענדיג די פערדע יאר אין די מדבר האבן די אידן באקומען א מתנה אין דעם ענין, **בארץ** ווען מ'איז אריין געגאנגען אין ארץ ישראל, און **לעתיד לבוא** וועט מען אויך באקומען א שכר אויף א יעדע פון די פעולות. און דער מדרש גייט א דורך א יעדע זאך וואס אברהם אבינו האט געטון, און דער מדרש ווייזט וויאזוי מ'זעהט אז כלל ישראל האבן דריי מאל באקומען א שכר אין דעם ענין, און וויאזוי מ'זעהט אז ס'איז מדה כנגד מדה קעגן אברהם אבינו'ס עבודת הקודש.

און אויף דעם וואס אברהם אבינו האט געזעצט די מלאכים, **והשענו תחת העץ**, ער האט געזעצט די געסט אונטער די שאטן פון בוים, האט דער אויבערשטער געזאגט אז איך וועל באצאלן פאר דיינע קינדער, 'במדבר' 'בארץ' און 'לעתיד לבא'. **במדבר** האט דער אויבערשטער באצאלט מיט דעם וואס דער אויבערשטער האט אויך באשיצט די אידישע קינדער מיט די ענני הכבוד, **בארץ** ווען מ'איז אריין אין ארץ ישראל, האט דער אויבערשטער געגעבן א מתנה פאר די אידישע קינדער די מצוה פון בסוכות תשבו שבעת ימים[ג]. און **לעתיד לבא** וועט מען זוכה זיין צו זיצן בסוכת עורו של לויתן, וסוכה תהיה לצל יומם מחורב. דאס אלעס בזכות וואס אברהם אבינו האט געלייגט די מלאכים תחת העץ, האט מען באקומען די ענני הכבוד, מצות סוכה און די סוכה לעתיד לבא.

די מפרשי המדרש שטעלן זיך אויף דעם, געוועהנדליך ווייסט מען א מצוה הייסט א גזירת מלך, מצוות לאו ליהנות נתנו, א מצוה הייסט נישט קיין שכר, אויב אזוי פארוואס הייסט 'מצות סוכה' א שכר פאר די אידישע קינדער ?. דאס

---

ג אינטערעסאנט פארוואס דאס הייסט בארץ, ס'איז אוודאי נישט קיין מצוה התלוי בארץ, איז דא אויף דעם א גאנצע שיינע שמועס אין בית אלקים פון די מבי"ט, צי זייענדיג במדבר ווי מ'האט געהאט די ענני הכבוד ממש איז אויך געווען א מצוה פון מצוה סוכה, דא איז משמע אין דער מדרש, אז די מתנה פון סוכה האט מען ערשט באקומען בארץ.

וואס זיי האבן באקומען ענני הכבוד וואס האט זיי באשיצט, און אפגעהיטן פון אלעם בייזן, דאס פארשטייט מען אז ס'איז א שכר. און וסוכה תהיה לצל יומם לעתיד לבא איז אויך א שכר, די גרעסטע שכר וועט דארטן זיין די הערליכע סוכות, אבער פארוואס זאל מצות סוכה הייסן א שכר פאר אברהם אבינו.

דער **נזר הקודש** אויפן מדרש שמועסט אויס, [ווי מ'זעהט עס אין אלע חסידישע ספרים], און ער ברענגט דארט ארויס -געבויט אויף דער זוהר הקודש-, אז דאס וואס מ'זאגט אז די שכר איז געווען מדה כנגד מדה, איז אלעס העכערע ענינים, סיי די מעשה פון אברהם אבינו אליין, און סיי די אלע דריי שכרים וואס מ'טרעפט אויף דעם, רעדט מען אלץ פון סאך א העכערע ענין, סאך א העכערע צל, מער ווי סתם א פשוט'ע הגנה און שאָטן, וואס מאכט באקוועם און באשיצט, און דאס איז טאקע די שכר, אז אין די אלע מקומות האט מען באקומען די גרויסע קדושה און שמירה וואס איז דארטן געווען.

ס'שטייט אין **זוהר הקדוש** אז אברהם אבינו'ס בוים, דעם והשענו תחת העץ, איז נישט געווען סתם א גשמיות'דיגע בוים, ס'איז געווען א צל פון קדושה, און די בוים איז געווען די מבחן ווי אברהם אבינו האט געקענט זעהן אויף זיינע געסט ווער זיי זענען, וויפיל זיי זענען ווערד, אויב איינער איז געווען ראוי האט די בוים זיך געבויגן, און די שאטען פון די בוים האט זיך איבער געבויגן, איבער דעם גאסט, אבער אויב איינער איז נישט געווען ראוי, האט זיך די בוים אויפגעהויבן, די צווייגן האבן זיך אויסגעצויגן שטייענדיג און ס'האט נישט מגין געווען אויף אים, אזוי האט אברהם אבינו געוויסט ווער ס'איז ראוי, וועלכע גאסט איז ווערד זוכה צו זיין צו די צל הקדושה. זאגט דער נזר הקודש אז לויט די **זוהר הקדוש** אז אין די בוים איז געווען די בחינה פון **עץ החיים** וואס ס'שטייט אין פרשת בראשית ועץ החיים בתוך הגן, דאס איז געווען דעם תחת העץ, איז די שכר אויף דעם, אויך זוכה צו זיין צו זיין אונטער דעם הייליגען בוים, אונטער דעם עץ החיים, אונטער דעם שאטן פון קדושה, און דאס איז געווען די ערשטע שכר, די ענני הכבוד, וואס די ענני הכבוד איז דאך געווען אזא קדושה פון הארת קדושה העליונה, ס'איז דאך נישט געווען סתם

א פשוטע וואלקן, איז דאס געווען א שכר אויף דעם 'תחת העץ', צו האבן די זכיה צו זיין אונטער די שאטן פון קדושה אונטער דעם עץ החיים.

און די זעלבע זאך די צווייטע שכר די מצוה פון בסוכות תשבו שבעת ימים איז א מצוה לדורות, ווי דער **זוהר הקדוש** זאגט אז מ'זיצט אין די סוכה זיצט מען דאך ממש אונטער די צילא דמהימנותא, אזוי ווי אונטער די בוים פון אברהם אבינו אונטער די עץ החיים.

און אוודאי לעתיד לבא, ווען מ'וועט זוכה זיין צו דעם וסוכה להיה לצל יומם, איז דאך זיכער די עיקר די גרויסע קדושה וואס מ'וועט דארטן זיין באשיצט.

און ממילא ווען מ'פארשטייט אז אברהם אבינו'ס תחת העץ איז געווען א זכיה א מתנה צו זיין אונטער די עץ החיים, אויב די געסט זענען געווען ראוי, פארשטייט מען אוודאי אז די שכר זוכה צו זיין צו מצות סוכה מיינט, אז ביי סוכה האט מען אויך די מתנה, צו קענען זיצן אונטער אזא הייליגע בוים, אונטער די עץ החיים, בצילא דמהימנותא, יעדע איד, יעדע יאר סוכות, לדורות עולם.

### אושפיזא דאברהם באגלייט אונז גאנץ סוכות

מ'זעהט אז מצות סוכה האבן די אידישע קינדער זוכה געווען אין די זכות פון די הכנסת אורחים פון אברהם אבינו. יעדן טאג סוכות זענען מיר זוכה צו די הייליגע **אושפיזין** אזוי ווי די זוהר הקדוש זאגט, אז יעדע טאג קומט איינער פון די זיבן צדיקים, און מיט אים קומען מיט די אנדערע זעקס, ווערט געברענגט אין די ספרים הק' [אויך געבויעט אויף א זוהר הקדוש], אז אברהם אבינו איז דער ראש לצדיקים, דער זוהר הקדוש דרש'נט פון דער לשון הפסוק, יומם יצוה ה' חסדו, אז ס'שטייט נישט יום, ס'שטייט יומם א לשון פון עטליכע טעג, אז לגבי אברהם אבינו מדת החסד איז 'יומא דאזיל עם כולא יומא', דער ענין

פון יומם יצוה ה' חסדו, די מדת החסד איז **יומם**, יעדע טאג פון סוכות איז דא עקסטער די כוח פון אברהם אבינו, ער גייט מיט אלע אושפיזין.

דער הייליגע **טוריסק'ער מגיד** זצוק"ל, [וואס ער האט דאך טאקע געהאט די הייליגע נאמען אברהם], האט געטייטשט די ערשטע נאכט סוכות דער ענין אז אברהם אבינו גייט מיט גאנץ סוכות, מיט אלע אושפיזין, האט ער עס איינגעטייטשט אין די נוסח וואס קלינגט נאך אין די אויערן, וואס מען זאגט יום הקדוש ביי די הייליגע עבודה ווי דער כהן גדול איז געשטאנען אין קדשי קדשים, **וכך היה מונה אחת, אחת ואחת, אחת ושתים**, טייטשט דער **טוריסק'ער מגיד**, אז **אחת** גייט ארויף אויף אברהם אבינו, אחד היה אברהם, וואס ער האט פארשפרייט דעם אחדות ה' פאר די גאנצע וועלט, ער איז געווען דער איינציגסטע מענטש וואס האט אויסגעשריגן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. **אחת ואחת** טייטשט, אחת דער איין אברהם האט זיך מדבק געווען ואחת מיט דעם איינציגסטע באשעפער, גייט דער כהן גדול און ער רעכענט אויס, אז דער אחת, דער אברהם וואס איז געווען אחת ואחת ער האט זיך צוזאמען מיטן הייליגען באשעפער מייחד געווען און מפרסם געווען אלקותו בעולם האט זיך נישט אפגעשטעלט נאר מיט איין מדה, נאר אלע זיבן מידות פון אלע שבעה רועים, אין די אלע בחינות האט אברהם אבינו געדינט דעם אויבערשטן, ער איז דבוק צו אלע זיבן מידות ער איז אזיל עם כולהו יומי, **אחת ושתים אחת ושלש אחת וארבע**, אלע זיבן מידות גייט מיט די אחת, אברהם אבינו איז זיך מדבק צו אלע מידות צו מייחד זיין דעם אויבערשטן מיט אלע זיבן מידות.

און ער פירט אויס צום סוף **אחת ושבע**, גייט ארויף אויף די קשר פון אברהם אבינו מיט די זיבעטע מדה מיט דוד המלך מידת מלכות. און וואס איז די קשר פון אחת ושבע, אברהם אבינו מיט דוד המלך, זאגט דער **מגן אברהם** די לשון: די זיבעטע טאג אין סוכות הושענא רבה איז דאך דער סוד פון משיח

**בן דוד, און אברהם אבינו ע"ה עודנו עומד ומתפלל ומבקש רחמים על מלכות בית דוד שתתגלה במהרה.**

## קדושת אכילה פון די ערשטע כזית

מ'זעט א געוויסע ענין וואס איז ממש אן עיקר גדול אין מצות סוכה, און מ'זעט אויך אז ס'האט א שטארקע קשר בעיקר צום ערשטען טאג סוכות, די טאג פון אברהם אבינו, אבער דאס איז שוין געבליבן די הלכה'דיגע חלק אויף גאנץ מצות סוכה, וואס דאס קען אפשר ארויסברענגען די חלק פון אברהם אזיל עם כולהו יומי. אז דער כח פון אברהם אבינו דעם 'אחת' גייט מיט מיט אלע זיבן.

עס איז דא א מחלוקת **הראשונים** ווען מען דארף מאכן די ברכה 'לישב בסוכה', און עס איז גע'פסק'נט להלכה אז די 'לישב בסוכה' מאכט מען בשעת אכילה, כאטשיג די מצוה איז כולל אלעס, אז אלעס וואס מ'טוט זאל זיין אין די סוכה, האט מען עס קובע געווען אז דוקא ווען מ'עסט אין די סוכה, דעמאלטס מאכט מען די לישב בסוכה, דאס איז אבער אלע טעג סוכות, אבער די ערשטע טאג סוכות דעמאלטס איז די מצוה דאורייתא אז מ'מוז עסן, דעמאלטס איז א חיוב דאורייתא צו עסן א כזית צי א כביצה **[אויך א מחלוקת הראשונים וויאזוי מ'דרש'נט די גזירה שוה פון פסח]** און דעמאלסט גייט די לישב בסוכה זיכער ארויף אויף דער ענין פון אכילה בסוכה.

דער **טור ברקת** זאגט[ד] פארוואס נאר די ערשטע נאכט סוכות איז דא די מצוה פון אכילה בסוכה, **[אנדערע טעג מוז מען בכלל נישט עסן מ'קען עסן אכילת עראי מ'דארף אפילו נישט קיין סוכה, דער חיוב עסן א כזית פת איז דוקא דער ערשטע נאכט]**. זאגט דער **טור ברקת** אז חוץ דער טעם וואס די גמרא ברענגט, אלס די גזירה שוה אזוי ווי די ערשטע נאכט פסח, האט עס אויך א פנימיות'דיגע טעם, זאגט ער

ד כדרכו בקודש זאגט ער אז א יעדע הלכה האט א פנימיות'דיגע טעם חוץ פון די פשטות וואס די פוסקים האבן נישט אלעמאל געוואלט מגלה זיין, זיי שרייבן אמאל א טעם אבער זיי האבן געהאט אין דעם אנדערע העכערע טעמים.

פלא'דיגע טעם, ס'גייט אויך מיט די אושפיזין, -א יעדע זאך פון די סוכה האט צוטון מיט די הייליגע אושפיזין-, און וויבאלד דער ערשטע טאג סוכות איז דאך די אושפיזין פון אברהם אבינו, ברענגט ער דארט די זעלבע ענין ווי דער **זוהר הקדוש**, אז דער עיקר פון די סוכה איז די צילא דמהימנותא, און אברהם אבינו איז ראש לצדיקים, דער מדרש דרש'נט **אלך לי אל הר המור** גייט ארויף אויף **אברהם אבינו**, מור איז ראש לבשמים דער ערשטע פון די קטורת ווערט אויסגערעכנט מור, איז אברהם אבינו איז ראש לצדיקים. זאגט ער, ס'איז טאקע דא די זיבן אושפיזין, די זיבן רועים, אבער ביי קיינער פון זיי טרעפט מען נישט די עבודה פון צוגרייטן עסן פאר די געסט. אוודאי אלע האבן זיך מדבק געווען במידתו של אברהם אבינו, אבער בפירוש אין די תורה זאל שטיין אז ער איז געגאנגען ברענגען עסן ברויט פאר געסט, טרעפט מען נאר ביי אברהם אבינו, דאס איז געווען מידתו של אברהם אבינו. און וויפיל ברויט אברהם אבינו האט געברענגט פאר די געסט שטייט נישט אין פסוק, אבער ס'שטייט אין פסוק **ואקחה פת לכם וסעדו לבכם**, זעט מען אז ס'איז געווען כאטשיג א שטיקל ברויט וואס איז סועד לבו של אדם, וואס מ'קען עסן און זאט ווערן, מיינט עס דאך כאטשיג א כזית ברויט. איז דאס איז דער טעם פארוואס דער ערשטע נאכט סוכות מוז מען עסן אין די סוכה א כזית לחם, לכבודו פון דער היינטיגע בעל אושפיזין וואס זיין עבודת השם איז געווען מיט די בחינה פון הכנסת אורחים פון ואקחה פת לחם וסעדו לבכם. דערפאר דווקא די ערשטע נאכט סוכות דארף מען זיך וואשן און בענטשען ברכת המזון, וויבאלד אברהם אבינו'ס מדה איז דאך געווען צו הייסן יעדעם איינער בענטשען, זאגנדיג 'לא שלי אכלתם', עטס האטס געגעסן פונעם הייליגן באשעפער, וואס אזוי האט ער אריינגעברענגט אמונה אין אידן. דאס זאגט דער טור ברקת, אז דאס איז דער טעם פארוואס אכילה בסוכה איז דוקא דער ערשטע נאכט, לכבוד אברהם אבינו, וואס נאר ביי אים פון אלע שבעה רועים טרעפט מען די עבודה פון געבן א פת לחם וסעדו לבכם, און ברכת המזון.

ס'קען אפשר זיין אז דאס איז א רמז אויף דעם וואס די **פוסקים** האבן אוועק געשטעלט, אז אלעמאל -גאנץ סוכות- מאכט מען לישב בסוכה, דוקא אויף אכילה, איז אויך מרמז אפשר, לויט דער **טור ברקת**, אויף דעם פנימיות'דיגע

זאך אז אברהם אבינו איז אזיל עם כולהו יומי, גאנץ סוכות ווען מ'וויל מאכן א ברכה אויף די סוכה, מאכט מען די ברכה אויף די עבודה פון אברהם אבינו פון אכילה פון וסעדו לבכם, און אזוי איז מען זיך מקשר א יעדע טאג מיט אחת, אחת ואחת, אחת ושבע, במידתו של אברהם אבינו.

## אברהם אבינו לאזט נישט זיין 'מחובר לקרקע'

פארשטייט זיך אז ווען מ'זאגט אז אברהם אבינו'ס עבודה איז געווען דעם פת לחם וסעדו לבכם, און אלעמאל ווען מ'עסט אין די סוכה מאכט די ברכה אויף די זאך וואס איז געווען אברהם אבינו'ס מדה, דאס ברענגט דאך אוודאי ארויס דער ענין וואס אברהם אבינו האט געטון מיט נעמען די גשמיות'דיגע עסן און דאס מאכן פאר די גרעסטע דביקות השם, און מיט דעם האט ער אריינגעברענגט אמונה אין טויזענטע מענטשן.

הרה"ק בעל **מעגלי צדק מדעעש** זצוק"ל[ה] (בפר' וירא / לחג הסוכות) **שטעלט** זיך, אויף דעם וואס ס'ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש[ו] אז די עץ פון אברהם אבינו איז געווען א בחינה פון א סוכה[ז], אויב אזוי איז דאך שווער די קשיא, אויף דעם וואס ס'שטייט 'והשענו תחת העץ', ס'דארף טאקע זיין גידולו מן הארץ, אבער ס'טאר דאך נישט זיין מחובר לקרקע, א סוכה תחת האילן אפילו ס'האט כשר'ע סכך אויב די בוים איז רוב, צי אפילו גלייך אויף גלייך, איז עס

---

ה יומא דהילולא ביום י"ג תשרי.

ו ס'איז אינטערעסאנט, די דרך פון צדיקים אז ברוב ענוותנותן האבן זיי אלס באהאלטן זייער כח אין סתרי תורה, דער מעגלי צדק דערמאנט דארטן, אז דער חק ברענגט דעם זוהר הקדוש, דער חק זונטאג וירא ברענגט אראפ דעם זוהר הקדוש.

ז באמת איז עס נישט אזוי אין מדרש, אבער די מפרשי הפייט אין מחזור רעדן דאך וועגן דעם, אז דער לשון וואס ס'שטייט אין מדרש און אין פייט, איז אברהם אבינו האט געזעצט דער מלאכים אונטער א סוכה ממש, אזוי אין מדרש שטייט אז מצות סוכה איז מדה כנגד מדה פאר דעם והשענו תחת העץ, אבער דער לשון הפייט איז יא, אז ס'איז געווען ממש א סוכה, און אסאך לערנען טאקע אז ס'איז געווען יו"ט סוכות, די שאלה איז וועלכע טאג אברהם אבינו האט זיך גע'מל'ט צו ס'איז געווען יום כיפור, צו צווישן יום כיפור און סוכות.

דאך פסול, איז וויאזוי איז מען דאס מסביר, אז אברהם אבינו האט געהאט א סוכה, און ס'איז געווען תחת האילן.

שרייבט דער **מעגלי צדק**, אז דאס ברענגט טאקע ארויס די קדושה וואס אברהם אבינו האט דא געטון, **ער האט געגעבן עסן פאר מענטשן, אבער די גאנצע עסן איז געווען איין שטיק דביקות, איין שטיק רוחניות,** דוקא מיט די עסן -וואס איז גשמיות- האט מען אויפגעהויבן א יעדעם איינעם צום אויבערשטן. און די טעם פארוואס א סוכה טאר נישט זיין 'מחובר לקרקע', ווייל קרקע איז דאך ארציות, גשמיות, און אויב די סכך איז מחובר לקרקע ווייזט עס אז מ'קען זיך נישט אינגאנצן אפרייסן פון דעם, און אז ער איז נאך אביסל דבוק צו גשמיות, און סוכות דארף מען זיך אינגאנצן אפרייסן פון גשמיות, אלס זאל ווערן דביקות השם.

**אבער אברהם אבינו וואס איז געווען מיט די גרעסטע הזדככות, ער האט דאך געמאכט אז אפילו די גאנצע יצר הרע זאל ווערן רוחניות'דיג,** ומצאת את לבבו נאמן לפניך, אפילו די ארציות איז געווען איין שטיק עבודת השם, האט ער אפילו מיט די 'מחובר לקרקע' אויך געקענט דינען דעם אויבערשטן, און דערפאר האט זיין סוכה געמעגט זיין מחובר לקרקע, ווייל ער האט דאס אויך מדבק געווען לקדושה.

ברענגט ער די הייליג ווארט פון הרה"ק **רבי ר' מענדיל'ע רימינוב'ער** זצוק"ל[ח], וואס ער לערנט ארויס פון דער לשון פון די עקידה 'וישלח אברהם את ידו', אז **אברהם אבינו איז געווען אזוי מזוכך, אז ער האט נאר געקענט טון זאכן וואס זענען די רצון השם,** און וויבאלד די שחיטה איז דאך נישט געווען

---

ח זיין טאטע דער מראה יחזקאל איז דאך געווען א תלמיד מובהק פון ר' מענדלע רימינוב'ער, די ספר מנחם ציון האט ער דאך געשריבן,

די רצון השם, ווייל דער אויבערשטער האט נאר געהייסן עוקד זיין - צובינדן, האט ער געמוזט אויסשטרעקן די הענט מיט געוואלד, 'וישלח' אברהם את ידו.

און דייקא אברהם אבינו וואס איז געווען פארנומען מיט געבן פאר מענטשן צו עסן, דאס איז אלס געווען די גרעסטע הזדככות, די גרעסטע רוחניות, און אברהם אבינו'ס בוים - וואס איז מחובר לקרקע - האט אויך געהאלפן מענטשן, אינגאנצן זיך אויסצורייסן פון גשמיות, אינגאנצן מזכך זיין ווי ס'דארף צו זיין. און פון אזא סארט אכילה רעדט מען פון עסן אין די סוכה, ווי דער **טור ברקת** זאגט, אז די חיוב אכילת פת בסוכה איז וועגן אברהם אבינו'ס עבודה פון געבן עסן וסעדו לבכם, וואס דערפאר מאכט מען גאנץ סוכות די ברכה לישב בסוכה דווקא אויף די אכילה, רעדט מען פון אזא סארט אכילה, פון אברהם אבינו'ס אכילה, וואס האט אריינגעברענט אין יעדעם איינעם דעם ידיעה און הכרה אינעם 'מי שאמר והיה העולם', כמ"ש 'ויקרא שם בשם ה' קל עולם'.

## אברהם אבינו טיילט זיסע פירות

מ'קען אפשר צו לייגן, נאך א נקודה אין דער ענין פון אברהם אבינו'ס געבן צו עסן און זיינע הייליגע פעולות דערמיט. ס'שטייט אז אברהם אבינו '**ויטע אשל בבאר שבע**', ברענגט רש"י צוויי פשטים, איינס אז ס'איז געווען א **פונדק** א גאסטהויז פאר די געסט, און איינס אז ס'איז געווען א **פרדס** פון אלע מיני פירות, און ער פלעגט ברענגען פאר די געסט פירות פון דעם פרדס.

ס'שטייט אין ספרים הקדושים, דער **חקל יצחק** שמועסט עס אויס, דער **ערוגת הבשם** זאגט עס אויף מער א טיפערע אופן, די ענין פון די פרדס, אז חוץ כפשוטו וואס ס'מיינט א פעלד וואס ס'וואקסט דארט שיינע געשמאקע פירות, ווייסט מען דאך אז **פרד"ס** איז די ראשי תיבות **פ'שט ר'מז ד'רוש ס'וד**, און דער פשט איז אז אברהם אבינו האט טאקע געגעבן צו עסן פאר די מענטשן, אבער ער האט זיך נישט באגעניגט נאר מיטן געבן גשמיות'דיגע עסן, נאר בשעת'ן עסן האט אברהם אבינו געזאגט תורות פאר מענטשן, ער איז ארום געגאנגען אויסלערנען תורה פאר יעדעם איינעם, ער איז געגאנגען ברענגען פירות דאס ווערט אנגערופן חידושי תורה, [אזוי ווי ס'שטייט אין ספה"ק

אז 'בעצרת נידונין על הפירות' גייט ארויף אויף חידושי תורה] ער האט דאך געוואלט אז בשעת מ'עסט זאל מען רעדן הייליגע זאכן, דברי תורה. קומט אויס אז חוץ די אכילה אליינס, וסעדו לבכם, וואס מיט דעם אליינס האט ער אריינגעברענגט אמונה אינעם אויבערשטן דורך דעם וואס ער האט זיי געהייסן בענטשען, האט ער נישט יוצא געווען מיט דעם, נאר בשעת'ן עסן האט ער אויך געברענגט פירות פונעם פרד"ס פ'שט ר'מז ד'רוש ס'וד, ער האט געלערנט תורה מיט די געסט אז ס'זאל זיין 'כאילו אכלו משלחנו של מקום'.

זעט מען דאך אז די אכילה אין די סוכה וואס מען לערענט ארויס פון די אכילה פון אברהם אבינו וואס ער האט געגעבן צו עסן פאר מענטשן, דארף עס זיין אזא סארט אכילה ווי ביי אברהם אבינו, די עסן דארף זיין מיט א קדושה און טהרה זיך אויסצורייסן פון די גשמיות, און בשעת'ן עסן דארף מען אכטונג געבן צו רעדן דברי תורה, הייליגע ענינים, פון פרד"ס פשט רמז דרוש סוד[ט].

## רמז אינעם לשון: 'לישב בסוכה'

ס'קען אפשר זיין א רמז, אין די נוסח הברכה **לישב בסוכה**, [לויט ווי מ'האט געשמועסט איבער די עבודה פון אברהם אבינו וויאזוי ער האט געגעבן צו עסן, ער האט זיי געזעצט תחת העץ, אונטער אן אילן וואס באטרעפט די צוויי הייליגע שמות די גימטריא פון סוכה, און ער האט אויך געברענגט פרדס, ער האט געלערנט תורה בשעת'ן עסן, ער האט געברענגט חידושי תורה פשט רמז דרוש סוד, כדי ס'זאל זיין אכלו משלחנו של מקום], קען מען מרמז זיין, **לישב בסוכה** באטרעפט **סוכ"ה פרד"ס**, די ווארט סוכה אליינס איז דאך די גימטריא פון צ"א די צוויי שמות הקדושים הוי"ה מיט אדנ"י, און אז מ'וועט רעכענען די צוגעלייגטע אותיות, ליש"ב ב' איז די גימטריא פון פרד"ס (443), איז עס א רמז אז ווען מ'זיצט אין די סוכה, די עצם סוכה איז דאך די קדושה פון שמות הקדושים, זאל מען אויך צולייגן צו דעם פרד"ס דעם פשט רמז

ט לפ"ז קען אפשר זיין א רמז אינעם טעם פון מנהג רבותינו הקדושים מסקווירא, אז געווענטליך יו"ט שחל בשבת זאגט מען נישט קיין תורה, נאר יו"ט סוכות אין די סוכה זאגט מען יא תורה, אדער איז עס שבת יו"ט אדער שבת חול המועד, לויט ווי מען זעט דא אז די עבודה פון די סוכה איז דאך די קדושת האכילה, און די זאגן דברי תורהביים עסן, ביי צדיקים איז דאך די אכילה אייביג א קדושה אבער דא איז עס עפעס מער בולט דער ענין די חלק הפרדס, די פשט רמז דרוש סוד וואס גייט צוזאמען מיט מצות ישיבת סוכה.

דרוש סוד, רעדן דברי תורה אין די סוכה, צוזאמען וועט זיין משלחנו של מקום, **די אכילה וועט זיין בקדושה, די דברי תורה וועלן זיין בקדושה, די מקום איז קדושה, וועט מען זוכה זיין צו די גרויסע קדושה צו צוקומען צו די אלע השגות פון 'ויקרא שם בשם קל עולם' אזוי ווי אברהם אבינו, אברהם רחימא, וואס האט גענוצט דעם עבודה אויפצוהייבן א יעדעם איינעם צום אויבערשטן.**

[אגב, וועט מען פארציילן א פלא'דיגע מעשה, וואס דער ערשטע **טאהש'ע רבי** הרה"ק **רבי משולם פייש** זי"ע האט געהאט אן ענין אז ער פלעגט יעדע יאר די ערשטע נאכט סוכות פארציילן די מעשה, אויבן אויף זעט עס אויס ווי א ווערטל, א בדחנות'דיגע מעשה, אבער אוודאי ליגט אין דעם גרויסע סודות, און ס'ברענגט אויך ארויס ווי מ'זעהט אז צדיקים האבן געזוכט ווי מער צו דערמאנען אין די סוכה, די כח פון אברהם אבינו, דער זכות פון אברהם אבינו, דעם והשענו תחת העץ.

ס'איז געווען אן ארעמאן, א דארפסמאן, א גרויסע עם הארץ, אבער ער האט זיך איינגעהאנדלט א חשוב'ע איידעם א חסיד א תלמיד חכם, - אזוי ווי ס'איז געווען פארצייטענס, אז איינער וואס האט געהאט געלט האט זיך געקענט איינהאנדלען א חשוב'ע איידעם, - און דער איידעם האט געוואלט אויף הייבן די כבוד פונעם שווער, ער האט אים געוואלט מאכן מער 'גבר בגוברין', ער זאל זיך פילן צווישן די אנגעזעענע מענטשן, האט ער אים אלס געזאגט אז די דארפ'ישע מענטשן, עמי הארצים, רעדן זייער א טריקענע שפראך, זיי האבן נישט די רייכע תורה'דיגע אויסדרוקן אזוי ווי די תלמידי חכמים, און דער איידעם האט געזאגט פארן שווער: איך וועל דיר אויסלערנען, זיך צו קענען פילן מער ווי א למדן, האבן מער א רייכערע שפראך.. און אזוי פלעגט אייביג זיין אז דער איידעם דער תלמיד חכם פלעגט אויסלערנען פארן שווער דער עם הארץ, די שיינע לשונות וואס בדרך כלל די העכערע קלאס מענטשן, די חשוב'ערע מענטשן באנוצן זיך מיט די אויסדריקן, אז ער זאל מאכן א בעסערע רושם.

איינמאל זענען זיי געגאנגען צוזאמען, די עם הארץ מיטן איידעם, צו א טיש פון א געוויסע רבי, און גייענדיג אויפן גאס צום רבי'נס טיש איז געווען א

געפערליכע שטורעם ווינט, האט זיך אנגערופן דער שווער: "אָהָ, אזא שטורעם ווינט", רופט זיך אן דער איידעם, אז ווען דו קומסט אן דארט צו די חסידים, זאלסטו נישט זאגן אזוי אויף אידיש 'א שטורעם ווינט', דעמאלסט וועט עס זיין זייער פשוט, זאלסט עס מאכן עפעס מער רייך, זאג עס אויף א שענערע אויסדריק, זאלסט עס זאגן אויף לשון קודש, זאלסט זאגן אז ס'איז א 'רוח סערה', אזוי הערט זיך עס בעסער. און דער שווער האט זיך עס איין גע'חזר'ט אז ער קומט אן צו די טיש וועט ער דערציילן פאר דער עולם, אז זייענדיג אויפן גאס איז פארגעקומען **א געפערליכע רוח סערה.** קומט מען למעשה אן דארט צום רבי'נס טיש און ער קומט אריין צו די חסידים, רופט זיך אן דער שווער דער עם הארץ: **רבי, ווייסט וואס עס גייט פאר אויפן גאס, א רוח אברהם בלאזט דארט...** יעדער האט זיך געוואונדערט וואס מיינט דאס א רוח אברהם, פרעגט אים דער איידעם וואס מיינט א רוח אברהם?, זאגט דער שווער: דו פארשטייסט נישט, קודם איז געגאנגען א שטורעם ווינט האסטו מיר געזאגט אז ס'איז א רוח שרה, שפעטער האב איך געזען אז די ווינט ווערט שטערקער, איך ווייס דאך אז אברהם איז געווען גרעסער ווי אברהם, האב איך פארשטאנען אז אויב פריער איז געווזען א רוח שרה, יעצט אז די ווינט איז געווארן נאך שטערקער איז עס שוין ארויפגעגאנגען א מדריגה, מסתמא פון שרה איז עס געווארן אברהם. ער האט פארשטאנען 'סערה' אזוי ווי 'שרה', וועגן דעם האט ער געזאגט אז ס'בלאזט אויפן גאס א רוח אברהם. עד כאן המעשה.

ווי דערמאנט פלעגט עס דער **ערשטער טאהש'ע רבי** פארציילן יעדע יאר דער ערשטע נאכט סוכות, און זיין אור אייניקל דער **טאהש'ער רבי** זצוק"ל האט אויסגעפירט אז אוודאי איז געווען עמקו מחשבותיו, אבער אוודאי האט ער געוואלט דערמאנען די זכות פון אברהם, **אז דער הייליגער רוח אברהם זאל מגין זיין אויף אידישע קינדער,** אריינשיינען אין אידישע קינדער, וואס דער גאנצע אכילה בסוכה עסט מען אזוי ווי אתכא דמלכא תחת העץ, זיצענדיג ביי אברהם אבינו אונטער'ן בוים].

## פרק ב' - אונזער הכנה זוכה זיין צו קדושת סוכה

שמועסנדיג פון דער ענין פון די פסולת גורן ויקב וואס פון דארט לערנט מען ארויס אז א סוכה דארף זיין פון די סארט סכך, און כאטשיג ווי דערמאנט זעט מען נישט אז מ'זאל מדקדק זיין ממש בפשטות דוקא פון די סארט סכך, און ס'איז דא אן ענין אין די ענפי אילן ס'זאל זיין צווייגן פון א בוים, דארף מען דערמאנען אז באמת איז דא נאך א דרש אין די גמרא פון ווי די גמרא לערענט ארויס אז סכך דארף זיין גידולו מן הארץ ואינה מקבל טומאה, נאר די גמרא בלייבט נישט מיט דער דרש צוליב א געוויסע קשיא', אבער אע"פ כן אין **ירושלמי** און אין **מדרש** זעט מען יא אז דער דרש קען שטומען און ס'וועט נישט שווער זיין די קשיות וואס די גמרא פרעגט אויף דעם. און לאמיר פראבירן אויסצושמועסן א געוויסע נקודה, אביסל בדרך העבודה, וואס קען אפשר ליגן דא אין א מחלוקת אמוראים, און ס'קען אפשר ווארפן א ליכט אביסל אויף די צוגאנג צו דער הייליגע יו"ט, יעדער איינער וויל זיך גרייטן אויף סוכות, גאנץ סוכות האלט מען אין איין טון די מצוה, זאל מען זיך גרייטן נאכאמאל און נאכאמאל אויף די מצוה. און ס'קען אפשר ליגן ברמז באהאלטן אין די מחלוקת.

אין די גמרא אין מסכת סוכה (בבלי) זעט מען, אז **ריש לקיש** האט ארויסגעלערנט אז סכך דארף זיין גידולו מן הארץ פון **ואד יעלה מן הארץ**, אזוי ווי א וואלקן וואס גייט פון אונטן אויף ארויף, והשקה את כל פני האדמה, די זעלבע זאך דארף זיין סכך וואס איז א זכר צו די ענני הכבוד דארף אויך זיין פון 'יעלה מן הארץ', פון גידולו מן הארץ, אבער די גמרא איז נישט צופרידן מיט דעם, ווייל דאס איז נאר גוט לויט די מהלך פון ר' אליעזר אז סוכות איז די ענני הכבוד, אבער אויב מ'גייט מיט די וועג פון ר' עקיבא אז 'סוכות ממש עשו להם' האט דאך עס נישט קיין שייכות מיט די וואלקענעס, און דערפאר

---

י רש"י רעדט דארט ארום אויב עס איז פארהאן א נפק"מ להלכה צווישן די צוויי דרשות.

דארף די גמרא ברענגען די צווייטע דרש וואס מ'האט פריער געשמועסט פון פסולת גורן ויקב.

שטייט אבער אין ירושלמי, [און דער יסוד שטייט אויך אין מדרש], אז באמת דיביידע שיטות פון וואו מ'לערנט ארויס אז ס'דארף זיין גידולו מן הארץ, ריש לקיש וואס האלט אז מ'לערענט עס ארויס פון ואד יעלה מן הארץ, און ר' יוחנן וואס האלט דוקא פון דער פסוק ואספך מגרנך ומיקבך, זאגט דער ירושלמי אז ביידע שיטות גייען מיט די מהלך פון די ענני הכבוד, און נאכאלץ איז דא די מחלוקת. וואס איז פשט?, וואס איז די מחלוקת צווישן די צוויי?, פארוואס האט ר' יוחנן געהאלטן אז מ'קען נישט ארויס לערנען הלכות סכך פון ואד יעלה מן הארץ?, זאגט דער ירושלמי ווייל ס'איז דא א מחלוקת צווישן די צוויי אמוראים ר' יוחנן אין ריש לקיש, אין די גמרא אין מסכת תענית לגבי די וואלקענעס אליינס, ווי מ'קריגט זיך איבער די טבעיות און מציאות פון די וואלקענעס, ס'איז דא א שיטה, **ר' יוחנן** האט געהאלטן אז די וואלקענעס קומט פון אויבן אין הימל צוזאמען מיט די רעגן, דער אויבערשטער שיקט אראפ רעגן און דאס מאכט רעגענען אויפן וועלט, און **ריש לקיש** האט געהאלטן אזיווי דער פסוק אין פרשת בראשית ואד יעלה מן הארץ, אז די וואלקענעס קומען פון אונטען, פילן זיך אן מיט וואסער פון די מעיינות, און אזוי רעגענט.

לויט דעם, ווען מען זוכט א דרש אז ס'דארף זיין גידולו מן הארץ, ריש לקיש וואס האלט אז וואלקענעס קומען פון אונטען, ער קען טאקע ארויס לערנען פון ואד יעלה, אזוי ווי די ענני הכבוד זענען וואלקענעס, און וואלקענעס קומען פון אונטען דארף סכך אויך קומען פון אונטען גידולו מן הארץ, אבער ר' יוחנן וואס האלט אז וואלקענעס קומען פון אויבן, קען מען נישט ארויס לערנען פון די וואלקענעס, ווייל ר' יוחנן האלט אז וואלקענעס קומען פון אויבן אין הימל, ממילא מוז ער צוקומען צו די צווייטע דרש פון באספך מגרנך ומיקבך. קומט אויס פון דעם ירושלמי אז ביידע אמוראים גייען מיט די מהלך פון די

ענני הכבוד, און זיי קריגן זיך נאר ארום צי וואלקענעס קומען פון אונטען אויף ארויף, אדער פון אויבן אויף אראפ[יא].

צו די מחלוקת צווישן ר' יוחנן און ריש לקיש צי די וואסער קומט פון אונטן צי פון אויבן, לייגט אויף דעם צו די ירושלמי און דער מדרש א משל דערויף, ר' יוחנן זאגט א משל, אזוי ווי איינער געבט א מתנה פאר איינעם ווייו, שיקט ער אים מיט די פלאש אויך, דער נותן היין געבט אים א מתנה די פלאש מיט די וויין אינעווייניג. די זעלבע זאך דער אויבערשטער וויל אונז שיקן רעגן, דארף נישט דער אויבערשטער אז די וואלקענעס זאלן קומען פון אונטען, נאר דער אויבערשטער שיקט מיט די וואלקענעס מיט די וואסער, די כלי מיט די מתנה.

ריש לקיש זאגט אז ס'איז א משל אזוי ווי איינער בעט איינעם, ס'איז דא וואס זאגן אז ס'מיינט א הלואה, אז איינער בעט איינעם געב מיר ווייץ, זאגט ער אז דו וועסט מיר שיקן א קאָרב, א קופה, וועל איך דיר אריינלייגן ווייץ, דער מקבל דארף שיקן א קופה, און אז דער מקבל וועט שיקן א קופה, וועט דער נותן אריינלייגן די ווייץ. די זעלבע זאך זאגט דער אויבערשטער, דו ווילסט האבן רעגן, דו ווילסט איך זאל דיר שיקן השפעות, איך וועל דיר זייער גערן שיקן השפעות, אבער דו מוזט מאכן די אתערותא דלתתא, דו מוזט מאכן די כלי - האלט ריש לקיש אז דו ווילסט באקומען רעגן דארף זיין 'ואד יעלה מן

---

יא ס'איז דא אן איטערעסאנטע פרט וואס האט א שייכות צו דעם ענין צי די וואלקענעס קומען פון אונטען אדער פון אויבן, וואס די גמרא דרש'ענט אין מסכת תענית, און ס'האט א שייכות מיט פרשת האזינו, ס'איז דאך ידוע אז די הפטורה פון פרשת האזינו איז זייער ענליך צו קאפיטל י"ח, און איינע פון די שינוים וואס זענען דא, דרש'ענט דארט די גמרא אויס אין מסכת תענית דף ט', אז אין תהלים שטייט חש'כ'ת מים עבי שחקים, חשכת מיט א כ', און אין ספר שמואל אין די הפטורה פון האזינו שטייט חש'ר'ת מים, חשרת מיט א ר', און די גמרא אין מסכת תענית שרייבט אז לויט די וועג אז די וואלקענעס קומען פון אונטען און ס'פילט זיך אן פון די אקיינוס, און דאס איז שפעטער די רעגן, פרעגט די גמרא וויאזוי קען דאס זיין? די אקיינוס איז דאך געזאלצענע וואסער, און די רעגן איז זיסע וואסער, זאגט די גמרא אז אין די וואלקענעס ווערן די וואסער זיס, נתמתקים בעבים. דרש'נט די גמרא אז מ'וועט צוזאמען שטעלןביידע ווערטער חשכת און חשרת, די כ"ף מיט די רי"ש צוזאמען שטעלן מיט די שי"ן, וועט מען מאכן א ווארט א לשון פון כשר, אז די וואסער ווערן מתכשר, ס'ווערט אויסגעזיסט און בעסער אין די וואלקענעס, איז מרומז אין ביידע פסוקים צוזאמען, לויט די שיטה פון ריש לקיש אז די וואלקענעס קומען פון אונטען און ס'ווערט זיס אין די וואלקענעס און שפעטער קומט אראפ די וואסער פון די וואלקענעס זיסע וואסער.

הארץ', די אונטערשטע דארפן ארויפשיקן א וואלקן, און דעמאלטס וועט מען זוכה זיין צו באקומען רעגן.

זעט מען אז די מחלוקת פון ר' יוחנן און ריש לקיש וויאזוי די וואלקענעס ארבעטן, איז געוואנדן וויאזוי גייט די שפע פון הימל, ר' יוחנן האט געהאלטן אז ס'גייט אינגאנצן פון אויבן, מ'שיקט די פלאש מיט די וויין, מ'שיקט די וואלקענעס מיט די רעגן, און ריש לקיש האט געהאלטן אז ניין, אונז דארפן ארויף שיקן די וואלקענעס, און אזוי קומט די רעגן צוריק אראפ, מ'דארף צוקומען צו ואד יעלה מן הארץ.

דער **אגרא דכלה** אין פרשת בראשית איז מדייק אז ס'שטייט ואד **יעלה** מן הארץ, און לכאורה וואלט דאך געדארפט שטיין ואד **עלה** מן הארץ, ווייל די תורה פארציילט שוין א סיפור דברים וואס איז פארגעגאנגען די ערשטע מאל ווען ס'האט גערעגנט ביי בריאת העולם. נאר פשט איז, אז די תורה וויל אונז אויסלערנען לדורות עולם, אז **אלעמאל וועט דארפן זיין 'ואד יעלה מן הארץ', די גאנצע בריאה גייט גיין אויף דעם מהלך אז ס'דארף זיין אן אתערותא דלתתא, ס'דארף ארויף גיין פון די ערד א הכנה, און דעמאלטס קומען אראפ השפעות.**

קען זיין אז ס'איז מרומז דא וויאזוי דארף מען צוגיין צו די הייליגע יו"ט סוכות, ר' יוחנן האלט אז די שפע פונעם אויבערשטן איז אזוי גרויס אז אפילו א מענטש האט נישט געמאכט די ריכטיגע הכנה צום יו"ט, שיקט מען אים פון הימל די פלאש מיט די וויין, מ'שיקט די הכנה מיט די שפע קודש פון די הייליגע מצוה, אזויווי ער האט געהאלטן אז דער ענין פון די וואלקענעס, די ענני הכבוד, וואס דאס איז דאך סוכות, איז א זאך וואס קומט אינגאנצן פון אויבן, מ'דארף נישט צוקמען צו ואד יעלה מן הארץ, אז פון אונטן ארויף זאל דער איד מאכן א הכנה, נאר די מצוה איז אזוי גרויס אז אפילו אן קיין שום הכנה, איז מען אויך זוכה צו אזא גרויסע שפע.

אבער ריש לקיש האט געהאלטן אז ס'פעלט יא אויס א הכנה, ואד יעלה מן הארץ, עפעס דארף מען פון אונטן צוגרייטן זיך, און אז מ'גרייט זיך צו פון אונטן מיט די ריכטיגע הכנה דעמאלטס זאגט דער אויבערשטער: אז דו

וועסט מיר שיקן א קופה וועל איך דיר אריינשיינען די גרויסע אוצר פון די עננֵי הכבוד.

אולי קען מען אפשר זאגן א שטיקל רמז לשיטת ריש לקיש, אז מ'דארף האבן א הכנה צום יו"ט סוכות, און ס'איז מרומז אין דער פסוק ואד יעלה מן הארץ. ס'איז דאך ידוע פונעם הייליגען **קאזניצ'ער מגיד** זצוק"ל[יב], ווי ער ברענגט די יחוד וואס גייט פאר אין איין המשך פון נאך תשעה באב, ביז נאך סוכות, און ס'גייט לויט די אותיות פון די שם הקודש א'ד'נ'י', **פופציג טעג** פון נאך תשעה באב ביז ראש השנה, דאס איז די **נו"ן**, **עשרת** ימי תשובה איז די **יו"ד**, **פיר טעג** צווישן יו"כ און סוכות איז די **דל"ת**, און די **ערשטע טאג** סוכות 'ביום הראשון' דאס איז די **אל"ף**.

קומט אויס אז די טעג וואס זענען די עיקר הכנה צו סוכות איז די **ד' ימים** אנצוקומען צו דעם **אל"ף** צו די ערשטע טאג סוכות, וואס איז דאך די אותיות א"ד, א וואלקן האט דאך אסאך נעמען, און דא רופט מען עס דווקא 'אֵד', דאס איז מרומז **ואד** יעלה מן הארץ, אז די אתערותא דלתתא וואס אידן מאכן אין די פיר טעג צווישן יום כיפור און סוכות וואס זענען מרומז אין די ווארט **אד** כנ"ל, **יעלה מן הארץ**, ארויפצוגיין העכער און אנצוקומען צום אויבערשטן, צו דעם יחוד פון שם אדנ"י, דאס איז **והשקה את כל פני האדמה** דאס ברענגט אראפ די געוואלדיגע שפע קודש פון די אוצר וואס ליגט אין די הייליגע יו"ט, און אין די הייליגע מצוות פון די יו"ט.

און באמת די צוויי שיטות פון ר' יוחנן און ריש לקיש איז דאך אוודאי אלו ואלו דברי אלקים חיים, אז זיכער דער יו"ט סוכות האט אין זיך דיביידע ענינים, ס'איז זיכער אזא גרויסע הייליגע מצוה וואס אפילו בלי הכנה זענען אידן זוכה צו אזא מתנה, צו אזא שפע קודש, וואס נעמט זיי ארום מיט אזא קדושה, אזוי ווי די שיטה פון ר' יוחנן אז מ'שיקט פון הימל די פלאש מיט די וויין, איז אבער אוודאי און אוודאי אז ווען מ'גייט מיט די מהלך פון ריש לקיש

---

יב יומא דהילולא י"ד תשרי (ערב סוכות).

פון ואד יעלה מן הארץ, אז מ'מאכט אן אתערותא דלתתא, איז מען זיכער זוכה צו עקסטערע הוספה און סאך מער א דביקות און השפעה אין די הייליגע מצוה.

אולי קען מען נאך מרמז זיין די צוויי שיטות פון ר' יוחנן און ריש לקיש, און אלו ואלו דבר אלקים חיים, ס'איז ידוע די שינוי הלשון אין די צוויי פסוקים, פון די שלש רגלים,אין פרשת משפטים שטייט: 'וחג האסיף **בצאת** השנה', אז סוכות איז דעמאלטס ווען די יאר ענדיגט זיך, און אין פרשת כי תשא שטייט: 'וחג האסיף **תקופת** השנה', וואס רש"י זאגט אז ס'מיינט די אנפאנג פון די יאר. פרעגט זיך די קשיא, ווען איז סוכות ס'איז סוף פון די יאר, אדער ס'איז תקופת השנה. קען זיין מרומז דא אז ביידע זענען אמת, מ'קען צו גיין צו סוכות מיט צוויי אופנים, אויב איינער איז א בעל מדריגה, ער האט זיך געגרייט, קומט אויס אז ווען ער קומט אן צו סוכות נאך א לאנגע השתלשלות פון עבודה, נאך א לאנגע הקדמה ביז ער איז אנגעקומען צו סוכות, ביי אים איז א מדריגה פון ריש לקיש, וואס ריש לקיש לערענט אויס אז **'חג האסיף 'בצאת' השנה', נאכן ענדיגן א יאר טון די אלע עבודות, די אלע הכנות, די אלע יחודים, יעצט קומט ער אן צו די הייליגע יו"ט סוכות**. קומט די צווייטע פסוק אין פרשת כי תשא וואס איז שוין געווען נאכדעם וואס דער אידן זענען געווען צוקלאפט, די אידן זענען דורך געפאלן מיט דער ענין וואס ווערט דארט דערמאנט, און מ'דארף האבן א חיזוק, קומט די תורה אונז מחזק זיין, אז אפילו איינער קומט אן צו סוכות נישט אויף אן אופן פון בצאת השנה, אז די יאר האט זיך געענדיגט אזוי, כאילו ער האט שוין א גאנצע לאנגע הכנה פאר דעם, נאר פארקערט ער וויל יעצט אנפאנגען פון פריש, ער קומט אן צו סוכות אן גארנישט, אויף דעם זאגט די תורה די מהלך פון ר' יוחנן, אז אלעס קומט פון אויבן, **'חג האסיף 'תקופת' השנה', מען קען אנהייבן מיט א פרישקייט, מען קען אנהייבן די יו"ט סוכות אפילו מ'האט זיך נישט געגרייט, אפילו מ'האט נאך גארנישט געטון פארדעם**

**ביז אהין, אזוי קען מען אויך אנקומען צו די הייליגע יו"ט סוכות און מקבל זיין די גרויסע קדושה.**

## קדושת הסוכה - די כח פון טהרה במקוה

קען אפשר זיין צוגעשטעלט צו דעם, וואס ס'שטייט אין אסאך ספרים, אויך איז עס שיין אויסגעשמועסט אין ספה"ק **חקל יצחק** (עקב), ער זאגט דארט פשט אויף דעם וואס די גמרא פארציילט אז לעתיד לבא וועלן די גוים קומען און וועלן אויך ווילן האבן א שייכות צו קדושה, א שייכות צו די תורה, און די גוים וועלן זאגן תנה לנו מראש ונעשנה, גיב אונז די מצות פון אנפאנג, לאמיר אנפאנגען די מצות פון יעצט... ביז יעצט האבן אונז טאקע נישט געקענט טון די מצות, אבער לאז אונז כאטשיג יעצט אנפאנגען, און דער אויבערשטער וועט זיי געבן דוקא מצות סוכה, און ווי די גמרא פארציילט אז זיי וועלן דעמאלטס אויך נישט טון די מצוה ווי מ'דארף, זיי זאלן נישט האבן קיין שייכות מיט דעם. אבער מ'זעהט אז דער אויבערשטער וועט זיי געבן דווקא מצות סוכה, עטס בעטס 'תנה לנו מראש', עטס ווילטס אנפאנגען מיט א פרישקייט, האטס עטס מצות סוכה, דארף מען פארשטיין דער ענין דערביי.

איז דער **חקל יצחק** מסביר, אז ס'איז ידוע אז די תכלית פון א מצוה איז צו מקדש זיין א איד, אשר קדשנו במצוותיו, אז מ'טוט א מצוה ווערט א איד הייליגער, און יעדע מצוה איז מקדש א געוויסע חלק פון א איד, אז מ'לייגט תפילין ווערט די הענט הייליגער, אז מ'עסט מצה איז די מויל הייליגער, יעדע זאך מיט וועלכע אבר מ'טוט א מצוה, ווערט נתקדש דער אבר. איז אויב די גוים ווילן מראש, זיי ווילן זיך מקדש זיין, זיי ווילן אויך ווערן הייליג, וועט עס דויערן זייער לאנג אז זיי זאלן ווערן הייליג, נעמען א טמא'נע גוי און אים הייליגן, דארף מען אים דאך געבן אסאך מצות, פאר די הענט פאר די פיס פאר די מויל און אויגן און פאר אלעס, און דאס אלעס וועט נעמען זייער לאנג, אבער ס'איז נישט דא קיין צייט פאר קיין אריכות'ן, זיי ווילן שוין עפעס טון, זיי ווילן שוין אריינקומען אין די קדושה, זאגט דער אויבערשטער: **עטס ווילטס זייער שנעל ווערן הייליג, האב איך פאר ענק איין עצה, ס'איז דא איין מצוה וואס קען הייליגן די מענטש פון קאפ ביז פיס אויף איינמאל, דאס איז מצות**

**סוכה..** צדיקים האבן געזאגט אז מצות סוכה איז אזוי גרויס אז מ'גייט אריין אפילו מיט די שטיוול[יג], קומט אויס אז די אשר קדשנו במצותיו פון דעם לישב בסוכה איז אזא הייליגע מצוה וואס דאס הייליגט אלעס אויף איינמאל, ס'איז נישט קיין פרטיות'דיגע אבער וואס דאס הייליגט, נאר דאס הייליגט אלעס אויף איינמאל. אויב עטס ווילטס 'מראש', עטס ווילטס אנפאנגען מיט א פרישקייט, אויף דעם איז די עצה מצות סוכה דאס קען נעמען אויף איינמאל א גוי, און אויב ער איז מקיים מצות סוכה ווי מ'דארף, פלוצלינג איז דער גאנצע מענטש פון קאפ ביז פיס זוכה צו א קדושה.

ס'איז ידוע די ווארט, פונעם גרויסן גאון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** זצ"ל דער ירושלים'ער רב. מ'האט אים געפרעגט, וואס איז דער ענין אז מ'גייט יעדע טאג אין מקוה, מ'טרעפט דאך אין הלכה אז א מקוה קען העלפן צו גיין פון טומאה צו טהרה, אבער איינער וואס איז ריין וואס איז די אויפטו סתם אזוי גיין אין מקוה, האט ער געענטפערט א פשוט'ע תירוץ [**חוץ די הויעכע ענינים וואס שטייען אויף דעם**], אז מ'קען עס פארשטיין מיט גאנץ א פשוט'ע זאך, מ'זעט אז א גר אפילו ער האט זיך שוין גע'מל'ט איז ער נאך א גוי, מל ולא טבל כאילו לא מל, אבער ווען ער טובל'ט זיך אין א מקוה, ווערט ער א איד. האט ער געזאגט: 'אויב קען קומען א מקוה, און מאכן פון א גוי זאל ווערן א איד, די גרעסטע מרחק וואס ס'קען זיין, כל שכן איינער וואס איז שוין א איד, קען א מקוה אוודאי מאכן אז פון א איד זאל ער ווערן אסאך א שטערקערע איד, א ריינערע און הייליגערע איד'.

די זעלבע מכוון קען מען אפשר זאגן לגבי דעם, **אויב קען קומען מצות סוכה, און עס קען נעמען א גוי און אים אויפהייבן אויף איין מאל אלע אברים, אשר קדשנו במצותיו, אין איין רגע, קען מען זיך פארשטעלן, וואס מצות סוכה קען טון פאר א איד,** אפילו א איד פילט אז פאר אים איז עס א תקופת השנה, ער הייבט אן יעצט, ער האט נישט וואס מיט צוברענגען צום סוכות קיין שום הכנות, מאכט מען א קל וחומר אזוי ווי ביי מקוה, אז אויב מצות סוכה קען

[יג] מיט דעם טייטשט דער חקל יצחק דארט 'מצות קלות שאדם דש בעקביו' אז דאס איז א מצוה וואס מ'גייט אריין מיט די שטיוול.

מאכן פון א גוי - א איד, כל שכן וואס ס'קען טון פאר א איד אליינס, וואס איז בעצם א דבר שבקדושה, ווי ווייט סוכה קען אים הייליגן.

און באמת דער צושטעל פון סוכה צו מקוה, איז דאך נישט נאר א רמז, מ'זעט אין ספה"ק **מגן אברהם** פון דער הייליגע **טוריסק'ער מגיד** זצוק"ל אז ער שרייבט צוויי מאל דער לשון אז **די טהרה פון א סוכה איז אזוי ווי די טהרה פון א מקוה**, וואס רייניגט פון אלע שלעכטס, ער זאגט דארט אז מה מקוה מטהר אף הקב"ה מטהר, דורך מצות סוכה איז דער אויבערשטער משפיע פאר אידן טהרה און קדושה, און דער אויבערשטער איז מטהר די אידן דורך מצות סוכה אזוי ווי א מקוה איז מטהר, ס'איז מגין ומציל מכל הרעות.

מ'קען אפשר צושטעלן אויך, מ'האט דערמאנט פון אנפאנג אז דער גאנצע יסוד פון מצות סוכה האט זיך אנגעהויבן וועגן דעם והשענו תחת העץ, אזוויוי דער זוהר הקדוש -וואס מ'האט פריער דערמאנט- ברענגט עס, אז די גאנצע כח פון אברהם אבינו איז געווען אן עץ החיים. און אין זוהר הקדוש דארט שטייט אויך אז אברהם אבינו האט געהאט דארטן א באר מים חיים אונטער דעם בוים, וואס מיט דעם האט אויך אברהם אבינו גערייניגט זיינע געסט, ער האט זיי גע'טובל'ט אין דעם באר מים חיים וואס איז געווען תחת העץ. זאגט דער זוהר הקדוש אז איינער וואס איז נישט געווען ראוי זיך צו האט זיך די וואסער אויסגעטריקנט, און א גאסט וואס איז יא געווען ראוי זיך צו רייניגען איז די וואסער ארויפגעקומען. זעט מען דאך אז די זעלבע מקור פון דעם תחת העץ, פון דעם צווייגן פון אברהם אבינו'ס בוים וואס האט באשיצט, דעם צילא דמהימנותא, וואס בהמשך פון די עבודה האבן אונז אונזער מצוה פון לישב בסוכה, איז אויך געווען דארט א בחינה פון א מקוה, די באר מים חיים וואס האט גערייניגט אזויווי א מקוה. אזוי ווי דער **טוריסק'ער מגיד** זאגט.

קען אפשר זיין א רמז, אז אין די ערשטע פסוק פון **וחג הָאָסִף בצאת השנה**, שטייט **אָסִף אָן א יו"ד**, און אין די צווייטע פסוק **וחג האסיף תקופת השנה**, וואס ווי געשמועסט איז דאס איז מרמז אז מ'הייבט אן מיט א פרישקייט, נישט אז מ'האט שוין א גאנצע עבר א גאנצע הכנות פאר דעם, שטייט **אסיף מיט א יו"ד**. איז מרמז אז אסיף מיט א יו"ד איז בגימטריא **מקוה**, האסיף איז

א לשון פון אסיפתם הוא טהרתם וואס ס'שטייט ביי פיש, אז **חג האסיף** וואס האט די טהרה אזוי ווי אן אסיף מיט א מקוה, און דאס איז **תקופת השנה** אפילו מ'פילט זיך א דרגה פון א גוי ח"ו, ווייסט מען אז מ'נעמט זיך ארום מיט די גאנצע קדושה פון א סוכה, די טהרה פון א מקוה, און מ'קען האבן א געוואלדיגע פרישקייט, און יעדע איד, אין וועלכע מצב ער זאל נאר זיין, ווייסט מען די כח וואס ר' יוחנן לערענט אונז אויס, אז **אפילו פסולת גורן ויקב, איינער וואס איז א מצב פון פסולת, ער פילט זיך פסול און אפגעפאלן, איז די סוכה משפיע אויף אים א געוואלדיגע קדושה.**

אבער קיינער וויל דאך נישט זיין א מסתפק במועט, אז ס'איז דא א שיטה פון ריש לקיש אז מצות סוכה דארף יא האבן א הכנה פארדעם, מיינט עס אז אויב מ'לייגט יא צו א הכנה קען מען דאך גאר אסאך אויפטון, ממילא דארף מען זיך אביסל מתבונן זיין, אביסל מער טיפער, וואס מ'קען מוסיף זיין, און **וויפיל מער הכנה מ'לייגט אריין, און וויפיל מ'לייגט צו כוחות צו פראוועונען די מצוה מיט מער קדושה מיט מער העכערקייט, איז מען דאך זיכער זוכה צו אסאך מער השפעות טובות.**

## פרק ג׳ - שעפן קדושה פון יו"ט און די אושפיזין

עס ווערט געברענגט אין מדרש, אין פרשת ויצא, אויפן פסוק **׳והנה באר בשדה והנה שם שלשה עדרי צאן רבצים עליה כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים׳**, זאגט דער מדרש אז שלשה עדרי צאן איז די **שלש רגלים**, ווען אידישע קינדער קומען אין בית המקדש עולה רגל זיין, און מ׳איז מקבל א געוואלדיגע שפע קודש, און נאכדעם פירט דער פסוק אויס כי מן הבאר ההוא פון דעם ברין ישקו העדרים גייט עס ארויף אויף **שמחת בית השואבה**, וואס דעמאלטס איז עס א בחינה פון ישקו העדרים שמשם שואבין רוח הקודש.

שטעלט זיך דער **נזר הקודש**, דארט אויפן מדרש, אז פון דער לשון המדרש זעט מען אז דער מדרש רעדט פון אלע שלש רגלים, און ער איז עקסטער מדגיש דער ענין פון סוכות אז דארטן שעפט מען עפעס מער רוח הקודש, דארף מען פארשטיין, אויב זענען אלע שלש רגלים אן ענין פון ונאספו שמה כל העדרים אז אידישע קינדער קומען זיך צוזאמען אין בית המקדש, פארוואס זעט מען נאר ביי סוכות דער ענין שמשם שואבין רוח הקודש, ס׳וואלט דאך געדארפט זיין יעדע יו"ט ווען מ׳קומט ארויף אין בית המקדש אזא סארט שפע, שמשם שואבין רוה"ק, פארוואס איז סוכות שטערקער ווי די אנדערע צוויי ימים טובים.

זאגט ער, אז פשט איז, אז מ׳ווייסט דאך אז ׳אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה׳, און סוכות איז דאך די שמחה געווען אסאך גרעסערע, און אז די שמחה איז געווען גרעסער, האט מען זוכה געווען צו א גרעסערע קדושה און מער רוח הקודש.

אבער הא גופא קשיא פארוואס טאקע האט מען נאר יו"ט סוכות געמאכט אזא גרויסע שמחה אין בית המקדש זוכה זיין צו מער רוח הקודש, פארוואס האט מען עס נישט געטון אין אנדערע ימים טובים אויך.

זאגט דער **נזר הקודש**, אז פשט איז אזוי, באמת ווען מ׳פריידט זיך איז מען ממשיך קדושה, אבער ס׳איז ידוע, אז וויפיל קדושה ממשיך צו זיין האט דאך

אסאך צו טון אין די אתערותא דלתתא, וויפיל די מענטשען אליין זענען ווערד. און ח"ו אויב מ'זינדיגט, איז עס דאך אביסל מפסיק, און דעמאלטס קען נישט די קדושה זיין וויפיל ס'איז שייך, ווייל עונותיכם מבדילים ה", און אפילו א איד קומט אין בית המקדש אריין, איז זיכער אז בשעת מ'איז דארט איז מען זוכה צו אזא דביקות צו אזא התגלות, אבער אויב מ'איז נישט אינגאנצן ריין, קען מען נישט זוכה זיין צו די גרעסטע דרגה אין שפע, און צו די גרעסטע הזדככות.

אבער יו"ט סוכות קומען אידן אן אין בית המקדש אויסגעוואשן, אויסגערייניגט, מ'קומט דאך נאך א ראש השנה, נאך א יום הקדוש, און יו"ט סוכות אליינס האט דאך אין זיך אזוי סאך מצות סוכה מיט די ד' מינים, אזא עת רצון. און ווען מען קומט אן אין בית המקדש אויסגעוואשן, אויסגערייניגט, איז דאך די הכנה אסאך שטערקער, איז מען דאך א אנדערע סארט איד, און אויב אזוי איז די שמחה פיל שטערקער, ממילא קען מען מער שואב זיין. אמת טאקע אז אלע שלש רגלים איז ונאספו שמה כל העדרים, אבער אז מ'קומט אן אויסגעוואשן, מ'קומט אן הייליג און ריין, נאך אזעלכע הייליגע טעג, מ'קומט אן אנגעפילט מיט די מצות סוכה ולולב, איז מען זוכה צו סאך מער שפע קדושה, און ממילא דעמאלטס קען מען שואב זיין רוח הקודש.

קומט אויס אז סוכות דארף א הכנה, און ס'האט א הכנה, ווייל מ'קומט דאך אלע שוין נאך א הכנה, מ'קומט דאך אן צו דער יו"ט סוכות נאך אזעלכע הייליגע זמנים וואס אידישע קינדער האבן זיך אויסגערייניגט, ממילא איז דאך זיכער אז די אידן וואס קומען אן אויף אזא סארט אופן, איז מען דאך זוכה צו אסאך מער שפע קדושה, און דערפאר איז יו"ט סוכות דא אסאך א גרעסערע כח פון משם שואבין.

באמת דאס וואס מ'זעט דא דער ענין אז סיי ווען מ'קומט אן צו דער יו"ט סוכות איז מען ריין פון פריער, און סיי אז מ'האט די מצות סוכה ולולב, וואס מ'נעמט מיט, און דאס העלפט צו פאר די קדושה וואס מ'איז מקבל אין דעם יו"ט. איז דא אין ספה"ק **שפת אמת** א מורא'דיגע ווארט, ער זאגט עס אין קורצע ווערטער כדרכו בקודש, ער שטעלט זיך אויף א קשיא, ס'איז ידוע דער מדרש, אז דער אויבערשטער האט באמת געוואלט אז אזוי ווי ס'איז דא זיבן

וואכן צווישן פסח און שבועות, זאל זיין זיבן וואכן צווישן סוכות און שמיני עצרת, נאר דער אויבערשטער האט נישט געוואלט מטריח זיין אין די ווינטער, האט דער אויבערשטער געמאכט שמיני עצרת גלייך נאך סוכות.

זאגט דער שפת אמת אז לכאורה דארף מען פארשטיין, אויב ס'האט געדארפט זיין זיבן וואכן, מסתמא האט עס א חשבון פארוואס ס'דארף זיין זיבן וואכן. און וואס קען זיין די חשבון אז ס'דארף זיין זיבן וואכן, דארף מען לכאו' זאגן פשט, אזויווי די סיבה פארוואס ס'דארף זיין זיבן וואכן צווישן פסח און שבועות, איז לשם טהרה, מ'איז ארויס פון מצרים פון דעם ערות הארץ, פון דעם נידריגע פלאץ אנצוקומען צו קבלת התורה דארף מען זיך רייניגען, און די זיבן וואכן דארף מען זיך רייניגען אנצוקומען צו קבלת התורה[יד].

זאגט דער שפת אמת, אז פאר די זעלבע חשבון לכאורה וואלט געדארפט זיין זיבן וואכן צווישן סוכות און שמיני עצרת, יעצט איז מען דאך אויך ארויס פון מצרים, פון די יצר הרע, כי ביום הזה יכפר עליכם[טו], און פונקט אזויווי נאך פסח וואס מען גייט ארויס פון מצרים דארף מען זיבן וואכן, דארף מען דא אויך האבן זיבן וואכן, פון ווען מ'הייבט זיך אן צו רייניגען, ביז מ'וועט קענען זוכה זיין צו די שפע קודש פון שמיני עצרת און שמחת תורה.

אויב אזוי, דארף מען דאך טאקע באמת האבן זיבן וואכן פאר די טהרה, און וויאזוי קען מען עס מאכן אין איין וואך, דער אויבערשטער האט טאקע רחמנות געהאט אז מ'זאל נישט דארפן קומען אין די ווינטער, אבער וויאזוי ארבעט עס?, אן ארבעט וואס געדויערט צו טון אזוי לאנג, וויאזוי קען עס געטון ווערן אזוי שנעל. - אזוי מיטשעט זיך דער **שפת אמת** צו פארשטיין -

---

יד ווי דער אור החיים הקדוש זאגט דארטן, אז סתם אזוי איז גענוג זיבן טעג זיך צו רייניגען, אבער וויבאלד ס'איז דא געוווען אזא גרויסע טומאה דארף מען האבן זיבן וואכן.

טו מ'האט שוין דערמאנט פון דער לבוש פארוואס הייסט נישט קיין הפסק צווישן גאולה און תפילה דער פסוק פון כי ביום הזה יכפר עליכם, בשלמא די אנדערע ימים טובים, איז אויך אן ענין פון גאולה ס'איז זכר ליציאת מצרים, אבער יום כיפור וואס האט עס צוטון מיט דער ענין פון גאולה, נאר פשט איז ווייל ס'איז גאולה פון די יצר הרע מ'ווערט ריין פון די עבירות.

מ'קען נישט זאגן אז מ'איז מוותר אויף די ארבעט, די ארבעט מוז דאך געשען, מ'מוז זיך אויסוואשן פון די יצר הרע, אנצוקומען צו שמיני עצרת.

זאגט דער **שפת אמת**, אז היות דער אויבערשטער האט נישט געוואלט ס'זאל געדויערן אזוי לאנג, האט דער אויבערשטער געגעבן די זיבן טעג די מצוה פון סוכה און לולב, און מיט די הילף פון די צוויי מצות קען מען עס מאכן אזוי שנעל, **א זאך וואס דויערט באמת זיבן וואכן, ווי פון פסח ביז שבועות, אבער מיט די הילף און די כח פון סוכה און לולב, קען מען עס מאכן אין איין וואך**, די סוכה און לולב איז המשך הטהרה, מ'קומט אן אויסגעוואשן, דער אויבערשטער האט מוחל געווען אלע עבירות, מ'וויל זיך אבער מזכך זיין אז די אידן זאלן ווערן איין שטיק עבודת השם, דעמאלטס העלפט די לולב און סוכה צי אז מ'זאל עס קענען טון אין איין וואך אנשטאט אין זיבן וואכן.

ס'איז דא א באקאנטע טייטש, וואס דער הייליגער **מבשר צדק** טייטשט, **בסוכות תשבו וגו' כל האזרח בישראל ישבו וגו'**, אז מ'דארף זיצן אין די סוכה אויף אזא סארט אופן אז די אושפיזין זאלן זיך גוט געפונען דארט, **בסוכת תשבו**, ענק זאלן זיצן אין די סוכה אויף אזא אופן אז **כל האזרח בישראל ישבו** אז דער הייליגע אושפיזין זאלן וועלן דארט בלייבן, **אויב מ'פירט זיך נישט אויף ווי ס'דארף צו זיין, ווילן די אושפיזין זיך נישט געפונען אין אזא סוכה ח"ו.**

## רעדן שטותים אין די סוכה...

דער **בכורי יעקב**[טז] ברענגט וואס ס'שטייט גע'פסק'נט אין הלכה אז מ'זאל אלעס טון אין די סוכה, יושב ומטייל וכו', אז איינער וואס וויל שמועסן, זאל אויך גיין שמועסן אין די סוכה, איינער וויל שפילן, שפיל אין די סוכה, ווייל די סוכה דארף זיין כעין תדירו ממש, ווי אין די אייגענע שטוב, אלעס דארף מען

טז דער מחבר איז דאך געווען דער ערוך לנר, א גרויסע אנגענומענע אשכנז'ישע גדול, אבער ס'איז א הלכה'דיגע ספר אויף סוכות, ס'איז אינטערעסאנט דאס נאך צו זאגן פון אן אשכנז'ישע גדול, ער זאגט עס נישט בדרך מוסר, ס'איז א ספר וואס איז אינגאנצן געשטעלט אויף הלכה, מ'זעט ווי שטארק ער ברענגט ארויס די קדושה ווי א איד דארף זיך אויף פירן אין די סוכה.

טון אין די סוכה. קומט דאך אויס מצד הלכה אז וואס א מענטש וויל נאר טון, שפילן, שמועסן נייעס, אלעס דארף מען טון אין די סוכה.

זאגט ער אבער פון די צווייטע זייט, דער **של"ה הקדוש** זאגט דאך, אז מ'טאר נישט רעדן נער'ישקייטן אין סוכה, מ'מע נאר רעדן דברי תורה, הייליגע זאכן, מ'דארף זיצן אין די סוכה אז דער אושפיזין זאלן זיך גוט געפינען דארט, ווייל ס'קען ח"ו נתחלל ווערן קדושת סוכה, **[אזוי ווי אין א בית הכנסת טאר מען נישט רעדן]**, און ער ברענגט א ראיה אז די עצי סוכה איז חל א קדושה. אויב אזוי טאר מען דאך נישט רעדן קיין שטותים אין סוכה, און וויאזוי זאגט מען אז א מענטש וויל שמועסן נער'ישקייטן זאל ער גיין שמועסן אין די סוכה? דער **של"ה הקדוש** לאזט דאך נישט שמועסן קיין נער'ישקייטן?! א מענטש וויל שפילן זאל גיין שפילן אין די סוכה, ווי מעג מען שפילן אין א הייליגע סוכה?, ס'איז אזוי ווי אין א בית המדרש, אין א בית הכנסת. זאגט דער **בכורי יעקב**: נו, וואס זאל ער טון, זאל ער ארויסגיין פון סוכה און דארטן שמועסן, זאל ער גיין שפילן אינדרויסן פון די סוכה, קען ער דאך נישט, ווייל הלכה'דיג דארף ער יא אריינגיין אין די סוכה, אבער דער של"ה הקדוש פייער'ט דאך אז מ'טאר עס נישט טון אין די סוכה.

אלא מאי - זאגט ער - האט מען נישט קיין ברירה, און ע"פ הלכה קומט אויס אז **סוכות קען מען נישט רעדן קיין שטותים**, סוכות קען מען נישט רעדן קיין נער'ישקייטן, ווייל 'אם ישחק צריך להיות בסוכה', און ח"ו **ויתחלל קדושת הסוכה**, דערפאר קען מען נאר עוסק זיין אין יו"ט סוכות בתורה ובמצות ובשמחה של מצוה, און נישט אין שחוק וקלות ראש ולשון הרע. און מ'האט נישט קיין צווייטע ברירה. ווייל חוץ לסוכה קען מען נישט, און אין די סוכה קען מען אויך נישט, ווי די של"ה הקדוש שרייבט, און מ'דארף זיצן אין די

סוכה אויף אזא אופן אז ס'זאל שטומען מיט דער הייליגע אושפיזין, מיט די וכל האזרח ישבו בסוכות.

## די סגולה פון לערנען אין די סוכה

ס'איז אויך דא נאך א נקודה וואס ער ברענגט דארט, בענין 'לערנען אין די סוכה', די **פוסקים** ברענגען, אז לכתחילה דארף מען לערנען אין די סוכה אויב מ'קען מעיין זיין, ס'שטייט אבער, אז אויב ס'איז א טירחא צו ברענגען די ספרים דארף מען נישט לערנען אין די סוכה. און דער **אליה רבה** מאכט אין דעם א שטיקל חומרא, אז אויב ס'איז א טירחא גדולה מ'דארף א גאנצע טאג לויפן ברענגען איין ספר און נאך א ספר, דעמאלטס דארף מען עס טאקע נישט טון אין די סוכה, אבער אויב מען דארף האבן איין געוויסע הויפן ספרים, און מ'קען זיך עס אויף איינמאל אנגרייטן און געהעריג לערנען אין די סוכה, דארף מען יא זוכן צו לערנען אין די סוכה. און דער **בכורי יעקב** ברענגט אויך ארויס דארטן, אז מ'דארף זיך מתחכם זיין און טרעפן אלע עצות יא צו קענען לערנען אין די סוכה. ער ברענגט די גמרא ביי רב קטינא אז אפילו א מצות עשה וואס מ'איז נישט מחויב, אבער בעידן ריתחא נעמט מען דאס אויך אין חשבון. און ממילא אפילו מ'קען אמאל טרעפן התירים, אז אין אזא פאל דארף מען נישט לערנען אין די סוכה, אבער **אז מ'ווייסט די חשיבות פון מצות סוכה, דארף מען זוכן אלע עצות אז מ'זאל יא קענען לערנען אין די סוכה**.

דער **טור ברקת** רעדט זייער שטארק די גרויסקייט, אז מ'מוז לערנען אין די סוכה, ער פירט אויך אויס אז פארשטייט זיך מצד ההלכה אויב ס'איז שווער און מ'האט נישט די הרחבת הדעת, מוז מען נישט אייביג לערנען אין די סוכה, אבער ער ברענגט ארויס ווי שטארק די קדושת הסוכה האט צו טון מיט לערנען אין די סוכה. קודם כל -זאגט דער **טור ברקת**- איין חלק אלס די אושפיזין, דו ווילסט מהנה זיין די אושפיזין, **דו ווייסט אליינס אז מער ווי א שיינע קוגל האבן זיי מער הנאה צו זען וויאזוי א איד לערנט**, דעם פרד"ס פון פשט רמז דרוש סוד, איז מער מהנה דעם אושפיזין ווי ווען מ'גרייט צו חשוב'ע מאכלים. מ'פירט זיך טאקע צו אנגרייטן ספעציעלע מאכלים לכבוד

די אושפיזין אויך, אבער עס איז זיכער אז פון לערנען אין די סוכה האבן זיי אסאך מער הנאה.

חוץ פון דעם זאגט דער **טור ברקת**, אז אלעס וואס מ'טוט דא אין די סוכה, איז זיך אנצוגרייטן צו האבן א זכיה צו זיין בסוכת עורו של לויתן. און ער גייט דורך יעדע פרט פון מצות סוכה, אז א איד וועט דאס טון וועט עס אים מוסיף זיין מער שלימות לעתיד לבא, אז ער וועט זוכה זיין צו דער פרט פון די שכר דעמאלטס, אזויווי מ'זאגט דארט ביי אקדמות יו"ט שבועות אלעס וואס מ'וועט דעמאלטס זוכה זיין, און ביי מצות סוכה טוט מען די אלע פעולות אנצוקומען צו דעם קדושה. זאגט ער, אז **וואס קען נאך זיין אזוי מסוגל זוכה צו זיין צו א גוטע פלאץ אינעם סוכות עורו של לויתן ווי לערנען תורה אין די סוכה?!**, וויבאלד אז וואס מ'טוט אין די סוכה העלפט עס צו פאר די שכר פונעם סוכה פון לעתיד לבא, לפומא דעבידתא עבידא מטללתא, איז זיכער אז תורה איז דער בעסטע עצה פאר דעם.

ער לייגט צו א דריטע זאך איבער די געוואלדיגע שטארקע כח פון לערנען אין די סוכה, אז מ'זעט אין די גמרא (מסכת ע"ז) די גאנצע מעשה, ווי דערמאנט פריער אז דער אויבערשטער וועט געבן פאר די גוים מצות סוכה לעתיד לבא, ווען זיי וועלן בעטן 'תנה לנו מראש ונעשנה'. אבער די מעשה האט אן אנפאנג, ס'הייבט זיך אן אז דער אויבערשטער וועט קומען לעתיד לבא וספר תורה בחיקו, און ער וועט זאגן אז ווער ס'האט עוסק געווען בתורה יבא ויטול שכרו, זאל קומען און באקומען שכר, און די גוים וועלן קומען און אנהויבן צו בעטן שכר, און ס'וועט זיך אנפאנגען גאנצע ויכוחים, און די אויספיר פון די מעשה וועט זיין אז די גוים וועלן זאגן תנה לנו מראש ונעשנה. זאגט דער טור ברקת אז אויב די גאנצע זאך וויאזוי אלעס הייבט זיך אָן, איז אז דער אויבערשטער וועט זאגן אז ווער ס'האט עוסק געווען **בתורה** יבא ויטול שכרו, און די גאנצע מצות סוכה איז ווייל די גוים וועלן אויך ווילן באקומען עפעס א שייכות צו די שכר וואס קומט זיך פאַרן עוסק זיין בתורה, **אויב אזוי וואס קען נאך זיין חשוב'ער ווי זיין אן עוסק בתורה אין די סוכה?!**, מ'זעט אז די גאנצע שכר לעתיד לבא וואס עדיגט זיך מיט די מבחן פון סוכה הייבט זיך אן מיט עוסק

בתורה, ממילא איז עס גאר א גרויסע זאך צו עוסק זיין בתורה אין די סוכה. לכבוד די אושפיזין, זוכה זיין צום סוכת לויתן, און שכר לעתיד לבא.

רעדנדיג וועגן מהנה זיין און מכבד זיין די אושפיזין, דארף מען פארשטיין וואס איז דער ענין אז דער אויבערשטער שיקט די אושפיזין צו די אידישע קינדער אין די סוכה. שטייט אין חסידי'שע ספרים, און דער הייליגע **צאנז'ער רב** זצוק"ל אין ספה"ק **דברי חיים** שמועסט עס אויס, אז באמת טראכט מען: ס'איז דאך יעצט געווען די הייליגע טעג און דער אויבערשטער האט מוחל געווען אלע עבירות, און מ'איז אינגאנצן ריין, אבער מ'דארף געדענקען אז אפילו מ'איז שוין ריין, מוז מען דאך וויסן על שם העתיד וואס גייט מען טון פון יעצט און ווייטער אז מ'זאל טאקע בלייבן ריין, אז מ'זאל ווייטער דינען דעם אויבערשטן כדבעי, און דינען דעם אויבערשטן מיינט נישט נאר מקיים זיין די מצוות, ס'מיינט דאך זיך צו פירן בקדושה אויף א יעדע ריר פון די לעבן. אלזא, נאך וואס מ'איז שוין אויסגערייניגט, און מ'וויל דאך אנהאלטן דעם עבודת השם, מ'וויל דאך אנהאלטן די קדושה, דארף מען זוכן אן עצה: לערן מיר אויס וויאזוי מאך איך פון יעצט און ווייטער, אז ס'זאל יא זיין אינגאנצן בשלימות, ס'זאל יא זיין כהוגן...

דעריבער, דוקא נאכדעם וואס מ'האט שוין תשובה געטון און זיך גערייניגט, און מ'וויל זיך באמת מקשר זיין צום אויבערשטן מיט א קבלת עול מלכות שמים, אז מ'גייט יעצט דינען דעם אויבערשטן אינגאנצן באכילה שתיה שינה וכו', ס'זאל זיין חופף עליו יראת השם בכל מעשיו, **האט דער אויבערשטער געזאגט, קום אריין אין די סוכה אריין, און איך וועלן דיר שיקן די זיבן הייליגע צדיקים וואס יעדער פון זיי האט זיך זיין כח, זיין מדה, וואס ער לערנט אויס פאר א איד וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן.** און דאס איז די ענין אז די אושפיזין הקדושים קומען אין די סוכה אריין, זיי קומען העלפן פאר א איד וואס וויל זיך מדבק זיין מיט אלע מעשים צום אויבערשטער, ער טראכט מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי הקדושים.. און יעדען טאג פון סוכות לערענט מען זיך איין מדה, יעדען טאג איז מען זיך מקבל די מדה פון דער צדיק פון יענע טאג צו דינען דעם אויבערשטן א גאנצע יאר לויט די מדה פון די היינטיגע

צדיק, און דאס טוען די אושפיזין, זיי קומען צו העלפן אידן זיך צו קענען פירן אויף די ריכטיגע וועג פון יעצט און ווייטער, אזוי ערקלערן די ספרים הקדושים **אז דאס איז דער ציל פון די אושפיזין אונז צו העלפן אנהאלטן די טהרה און קדושה פון די הייליגע טעג.**

און אולי מיט דעם קען מען פארענטפערן, די אויבן-דערמאנטער הערה פונעם **גערער רבי** דער **שפת אמת** זצוק"ל וואס ער שטעלט זיך אז אויב ס'דויערט זיבן וואכן צו גיין פון פסח ביז שבועות, וויאזוי קען מען עס מאכן אין זיבן טעג. און מען קען אפשר זאגן בדרך משל אזוי, אמאל איז דא אזא זאך אז א מענטש דארף טון א געוויסע ארבעט, ער קען פראבירן צו עס טון אליינס, אבער אז ער וועט עס טון אליינס וועט עס דויערן אביסל לאנג, ממילא אויב ער האט גענוג צייט טוט ער עס טאקע אליינס, אבער טאמער יאגט מען זיך און ס'איז שווער צו טון אליינס האט מען נישט קיין ברירה און מען מוז רופן די קאמפאנ"י, מען מוז רופן אן אומן, און זיי וועלן עס מאכן גאר שנעל.

לענינינו, באמת דויערט פאר א איד זיבן וואכן זיך צו רייניגען און ארבעטן אויף אלע מידות, אזוי ווי מ'זעט ביי די ימי הספירה אז יעדע מדה דארף דויערן א וואך, אבער דאס איז נאר אויב מ'דארף עס אליינס טון, טאמער אבער האט מען די מומחים, אויב עס קומען צו גיין די צדיקים, די בעלי המדה, זיי די אומנין קען עס מאכן זייער שנעל.

און דער אויבערשטער האט דאך נישט געוואלט אז ס'זאל דארפן דויערן זיבן וואכן זיך צו רייניגען פון יום הקדוש ביז שמיני עצרת, האט אונז דער אויבערשטער געשיקט די מומחים אליינס זאלן קומען צו אונז, אברהם זאל קומען, און אונז העלפן מיט מידת החסד, יצחק - מידת היראה, און אזוי ווייטער, **און אזוי קען מען אין איין וואך סוכות אנצוקומען צו א זאך וואס דויערט באמת זיבן וואכן, וויבאלד מ'טוט עס נישט אליינס, נאר די הייליגע אושפיזין, די הייליגע מומחים יעדער איינער אין זיין מידה, זיי קומען צו אונז**

**אין די סוכה, זיי העלפן אונז**, אזוי אז אין איין קורצע וואך, קען מען אויפטון די גאנצע זאך, בכחם פון די הייליגע צדיקים, די הייליגע אושפיזין.

## פרק ד' - די מצוה און ברכה 'על נטילת לולב'

מ'רעדט דא פון די **סוכה**, פון די **ד' מינים**, די זאכן וואס זענען מקדש ומטהר א איד, און מ'האט דערמאנט די נוסח הברכה פון **לישב בסוכה** וואס איז די גמטריא פון **פרד"ס** מיט **סוכ"ה**.

ס'ווערט געברענגט אין ספר **בנין אריאל** פון הגה"ק **רבי שאול פון אמסטערדאם** זצוק"ל[יז] ס'זעט אויס אז בימיו איז געווען אויבער-חכמים, און ער האט זיי געוואלט מוסר זאגן, באציעט ער זיך צו א געוויסע ענין וואס די אויבער-חכמים האבן געהאט קושיות, און ער ווייזט ווי די תורה לערנט אונז אויס: ניין, זאלסט וויסן דאס איז די ריכטיגע וועג, אפילו מ'פארשטייט נישט אלעס, אזוי דארף עס צו זיין.. ער שטעלט זיך אויף די גמרא[יח], אויף די ברכה וואס מ'מאכט 'אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר חנוכה', ווי די גמרא פרעגט 'היכן ציונו', וואו האט אונז דער אייבישטער אנגעזאגט 'להדליק נר חנוכה'. ברענגט די גמרא איין פסוק אין פרשת שופטים 'לא תסור מן הדבר' וגו', וואס מיינט צו זאגן אז אויב די רבנים הייסן עפעס דארף מען עס טון, און די צווייטע פסוק אין פרשת האזינו 'שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך', מיינט אויך אז מ'דארף פאלגן וואס די הייליגע חכמים זאגן.

פשוט זעט עס אויס ווי ס'איז צוויי פסוקים, צוויי ראיות, אז ס'הייסט 'וצונו' - דער אייבישטער האט אונז געהייסן פאלגן די חכמים, אדער פון 'לא תסור', אדער 'שאל אביך'. זאגט אבער דער **בנין אריאל**, אז די צווייטע פסוק קומט ארויסברענגען נאך א ענין, די ערשטע פסוק 'לא תסור' ברענגט טאקע ארויס אז מ'דארף פאלגן די חכמים, און די צווייטע פסוק 'שאל אביך' קומט צו

---

יז ער האט א ספר סיי על התורה און סיי אויף מועדים, אבער די ווארט ברענגט ער אין פרשת האזינו. בדרך כלל איז עס א ספר בדרך דרוש, אבער דא ברענגט עס מער ארויס א מוסר, נישט אזוי ווייט אן איינטייטש.

יח בעצם איז דאך די גמרא סיי אין די סוגיא אין חנוכה און מס' שבת, אבער די גמרא איז דאך אויך דא אין מס' סוכה בתוך הענינים ווען מ'רעדט פון די ברכות פון סוכה און ד' מינים ברענגט די גמרא אויך אראפ די זעלבע בחינה.

פארענטפערן א קושיא אויף די נוסח הברכות, וואס די הייליגע חכמים האבן אונז געמאכט די נוסח הברכה אויף יעדע מצוה"[יט].

זאגט ער, אז אסאך מאל איז זייער אינטערעסאנט די נוסחאות וואס די חכמים האבן געלייגט אויף א מצוה, ווייל בפשטות וואלט א ברכה ענדערש געפאסט צו זיין מיט לישנא דקרא, די לשונות פון די פסוקים, און אסאך מאל זעט מען אז די חכמים האבן גענוצט לשונות וואס איז נישט קיין לשון הפסוק נאר א לשון המשנה. ס'איז דאך פארהאן פארשידענע שינויים צווישן די לשון הקודש פון פסוקים און לשון הקודש פון די משנה, און א ברכה וואלט דאך ענדערש געפאסט דער לשון הפסוק. למשל, אויף די נוסח הברכה '**להדליק** נר חנוכה', עס שטייט נישט קיינמאל אין די תורה די לשון הדלקת הנרות, ס'שטייט אדער **להעלות** הנרות, אדער אין דברי הימים שטייט **להבעיר**, א לשון פון פייער, הבערה, הדלקת הנר איז דאך מער לשון המשנה, און מען דארף פארשטיין פארוואס האבן די חכמים מתקן געווען די נוסח הברכה 'להדליק נר'. אזוי איז דא נאך פארשידענע לשונות וואס מ'טרעפט, ווי צוםביישפיל אין די נוסח הוידוי וואס מ'האט געזאגט יעצט יום הקדוש 'שאין אנו עזי פנים וכו' **לומר** לפניך', '**לומר**' איז נישט קיין לשון הפסוק, אין דער פסוקים טרעפט מען אייביג '**לאמר**'. פארוואס האבן די חכמים געמאכט די נוסח הוידוי לומר וואס איז א לשון המשנה, און נישט לאמר.

די זעלבע זאך איז שוווער אויף די נוסח: '**לישב בסוכה**', אין לשון הפסוק וועט מען קיינמאל נישט טרעפן די ווארט '**לישב**', מ'וועט נאר טרעפן '**לשבת**', צו זיצן, מקץ עשר שנים לשבת אברם, וכדומה, איז שווער, פארוואס האבן די חכמים געמאכט די נוסח הברכה לישב בסוכה, נישט לשבת בסוכה.

זאגט דער בנין אריאל, אז אויף דעם קומט די תורה און זאגט אונז: פרעג נישט קיין קושיות, שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך, מ'טאר נישט משנה זיין די נוסח התפילה, נישט קיין נוסח הברכות, זיי האבן געוואסט ברוח קדשם

יט מ'האט שוין ארומגערעדט אין א פריערדיגע שמועס, צי ברכת המצוות איז א דאורייתא, אדער א דרבנן, אבער די נוסח הברכה האבן זיכער די הייליגע חכמים געמאכט.

'דרך ה' בדעת עליון', יעדע ווארט ווי אזוי ס'דארף געזאגט צו ווערן. דעריבער, נאכדעם וואס די גמרא ברענגט א פסוק אז מ'מאכט א ברכה אויף נר חנוכה, לייגט די גמרא צו דער פסוק אין פרשת האזינו שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך, אז אלע יארן האט מען אזוי געזאגט, די הייליגע חכמים האבן אונז אזוי אויסגעלערנט, און אזוי דארף עס צו זיין, זיכער האבן זיי געהאט ברוח קדשם עפעס א דעת עליון אין דעם ענין. עד כאן דבריו פונעם **בנין אריאל**.

זעט מען דאך פון דעם אז אמאל פארשטייט מען נישט די נוסח הברכות, אונז טראכטן אז ס'וואלט געדארפט זיין אנדערש, און אף על פי כן, דארף מען וויסן אז די הייליגע חכמים האבן געהאט א ענין פארוואס זיי האבן אויסגעשטעלט די נוסח הברכה אויף די וועג, און זיי האבן געוואוסט וויאזוי די ברכה דארף געזאגט ווערן.

קען מען זיך אפשר שטעלן, אויף דעם נוסח הברכה פון די הייליגע מצוה פון ד' מינים וואס מ'זאגט: '**על נטילת לולב**', די לשון הפסוק איז אבער 'ולקחתם לכם', א לשון פון לקיחה, אויב אזוי וואלט מער געפאסט אז די ברכה זאל זיין אזויווי די לשון הפסוק, און מ'זאל זאגן: **על לקיחת לולב**. און אוודאי איז דאך פארהאנען א טעם פארוואס די הייליגע חכמים האבן געטוישט, אז מ'זאל נישט רופן די מצוה **לקיחת** לולב נאר מ'זאל עס רופן **נטילת** לולב.

אולי קען מען זאגן א כוונה דערין ווי פאלגענד, ס'איז דא א באקאנטע מדרש[כ], אויפן פסוק 'תודיעני אורח חיים שובע שמחות את פניך נעימות בימינך נצח', ברענגט דער מדרש א משל, אז ס'איז אמאל געווען צוויי מענטשן וואס זענען אריינגעגאנגען צום דין, און מ'האט נישט געוואוסט ווער ס'האט מנצח געווען, אבער ווען מ'זעט דער וואס קומט ארויס מיט א סימן פון די בית המלך אין זיין האנט, ווייסט מען אז ער האט מנצח געווען. די זעלבע זאך, ס'קומט די הייליגע טעג, אידן מיט די גוים גייען צוזאמען אריין לדין, און מ'ווייסט דאך נישט מאן נצח דינא, אבער **ווען ס'קומט סוכות און די אידן גייען ארויס מיט די**

---

כ דער בני יששכר געבט דאך די נאמען פאר זיין מאמר פון די ארבע מינים, נצח קרבא, לויט דעם מדרש.

**ארבע מינים, וואס איז אזוי ווי א כלי זיין פונעם בית המלך, ווייסט מען אז 'דידן נצח' אונז האבן מנצח געווען.**

אין די ספה"ק רעדט מען זייער אסאך ארום אויף דער מדרש, אבער איינע פון די קושיות וואס מ'פרעגט אויף דער מדרש, אז לכאורה איז די משל נישט דומה צום נמשל, ווייל אין די משל, ברענגט מען ארויס אז א מענטש האט באקומען פון די מלך א געוויסע כלי זין, א געוויסע סימן, וואס די מלך האט אים עס געגעבן, איז טאקע א ראי' אז ער האט מנצח געווען, ווייל טאמער נישט, פון וואו האט ער עס באקומען. לויט דעם, אמת טאקע אז אויב ס'וואלט אראפ געקומען פון הימל ארבע מינים פאר כלל ישראל לכבוד יו"ט סוכות וואלט געווען א סימן פון הימל אז די אידן האבן מנצח געווען דער דין, דערווייל אבער, גייען די אידן אליינס קויפן די ארבע מינים, מ'גייט אליין צום געשעפט און ווער ס'וויל קען עס קויפן, א גוי קען אויך גיין אראפ שניידן א לולב פונעם בוים, אויב אזוי, וואס איז דער ראיה פון דעם אז אונז נעמען ארבע מינים אין די האנט אריין, אז דידן נצח?, האסט עס דאך אליינס גענומען, האסט נישט קיין ראיה אז דער בית המלך האט געוויזן אז דו האסט מנצח געווען, איז שווער, ווי אזוי פארשטייט מען די נמשל צוזאמען מיט די משל פון דער מדרש.

צו פארענטפערן וועט מען מקדים זיין וואס דער הייליגער **בני יששכר** (לחנוכה) ברענגט, אז יעדע מצוה, האט די חלק פון די **פעולת המצוה**, און נאכדעם איז דא די חלק **המוסר** וואס מ'לערנט זיך ארויס פון די מצוה, ער טייטשט איין מיט דעם די פסוק 'נר מצוה ותורה אור', דאס איז די מצוה אליינס, 'ודרך חיים תוכחת מוסר', די מוסר וואס מ'לערנט זיך ארויס פון די מצוה, דאס איז דער דרך חיים, דאס פירט א מענטש צו צום לעבן. פארשטייט מען פון דעם אז ווען מ'טוט א מצוה איז נישט גענוג נאר טון די אליינס, נאר מ'דארף זיך אויך מתבונן זיין אין די מוסר וואס די מצוה לערנט אונז אויס.

מ'זעט ביי די מצוה פון ד' מינים, וואס איז דער **דרך חיים** פון די מצוה פון ד' מינים. ס'איז דא אן אינטערעסאנטע **חתם סופר**, וואס זאגט אז מ'טרעפט אין די פייט, און אין דער מדרש, אז די אלע ארבע מינים זענען מרמז אויפן

אייבערשטן, און מען ברענגט פארשידענע פסוקים אז דער אייבישטער ווערט אנגערופן פרי עץ הדר, כפות תמרים, א א. וו. נאכדעם זעט מען א צווייטע מהלך אז די ד' מינים זענען מרמז אויף די איברים, אז יעדע מענטש זאל אריין קוקן און אכטונג געבן אויף זיינע איברים, הייליגן די מויל, די אויגן, די שדרה.

אין וועלכע מהלך דארף א איד זיך מער ארייננקאכן, א איד דארף זיך מער ארייננקאכן אין דער ענין אז ד' מינים זענען מרמז אויפן אייבערשטן, אדער זיין מער פארנומען אז די ד' מינים זענען מרמז אויף זיינע איברים, וויפיל ער דארף זיך רייניגן.

זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז **דוד המלך** ווען ער האט גענומען די ד' מינים האט ער נאר געטראכט פון זיך, וואס מיינט עס פאר מיר, וויפיל דארף איך זיך רייניגן מיינע אלע איברים פארן אייבערשטן, דוד המלך האט געזאגט, '**כל עצמותי תאמרנה**', ווען איך נעם די ד' מינים אין די הענט אריין, איך קוק עס אן ווי מיינע ביינער, דאס מיינט מען מיר, מיינע אויגן, מיין ליפן, מיין שדרה, מיין הארץ, ווייל וואס דען, צו גיין מיט די מהלך אז ס'איז מרמז אויפן אייבערשטן אליינס, '**ה' מי כמוך**', ווי קען מען טראכטן אז ס'איז מרמז אויפן אייבישטער, ס'דען שייך צו געבן עפעס א משל, אז כביכול דער אויבערשטער איז אזוי ווי א אתרוג, א לולב, מ'קען עפעס מדמה זיין צום אייבערשטן. קומט אויס, אז אוודאי אלעס איז אמת, אבער א איד דארף זיך מער אריין טון אין דער ענין, 'וואס מיינט די ארבע מינים פאר מיר'. קומט דאך אויס, אז **יעדע מאל ווען א איד נעמט די ארבע מינים, לערנט עס אויס פאר א איד ווי אזוי מ'הייליגט זיך, ווי אזוי מ'רייניגט זיך**, דאס איז די 'תודיענו אורח חיים', דאס איז די וועג פון לעבן, די תוכחת מוסר פון די מצוה.

יעצט וועגן די 'דין', וואס די מדרש זאגט אז די אידן מיט די גוים זענען אריין צום דין וכו', דארף מען פארשטיין וואס איז דער פשט פון די משל, די משל גייט ווען צוויי מענטשן שלאגן זיך צווישן זיך, דעמאלס קען מען זאגן בײדע גייען אריין צום דין, מ'דארף וויסן ווער עס האט מנצח געווען. אבער די משפט פון אויבערשטן אין די הייליגע טעג איז נישט אז די אידן מיט די גוים שלאגן זיך צווישן זיך, די אידן מיט די גוים גייען ביידע, דער אייבישטער וועט

זיי משפט'ן יעדעם איינעם אויף זיינע מעשים, דארף מען פארשטיין וואס איז פשט פון די לשון אז די אידן און די גוים גייען צוזאמען אריין אינעם דין, ווי כאילו זיי גייען זיך שלאגן צווישן זיך.

ברענגען די מפרשי המדרש אז די אידן מיט די גוים שלאגן זיך, אז די גוים קריטיקירן די אידן, די גוים זאגן: וואס זענען די אידן בעסער ווי אונז?, זיי זינדיגן.. ביי אידן קען מען אויך טרעפן עבירות ח"ו, הללו והללו.. קומט אויס אז ס'איז דא א שלעגעריי, צווישן די אידן מיט די גוים, וואס זענען די אידן בעסער. און וואס איז טאקע די תירוץ אויף דעם. די תירוץ אויף דעם איז, ווי ס'שטייט דאך אין אלע ספרים, [**דער בני יששכר ברענגט עס אסאך פון דער מהר"ל**] אז א איד איז בעצם טוב, און ווען ער זינדיגט איז עס נאר במקרה, און דערפאר ביי א איד רעכנט מען מחשבה טובה כמעשה, אבער א מחשבה רעה נישט. אבער א גוי איז פארקערט, א גוי איז בעצם שלעכט, און ער וויל נאר טוען שלעכטס. ענטפערט מען פאר די גוים: קען טאקע זיין אז ס'האט זיך געמאכט דורך די יאר אז אידן זענען געווען נישט עפעס אזוי מורא'דיג, אבער ס'איז נאר געווען א מקרה, ס'איז נישט געווען קיין עצם, אידן זענען בעצם טוב, מה שאין כן די גוים זענען בעצם שלעכט. און דאס וויל מען אויפווייזן דידן נצח, אונז האבן מנצח געווען, אונז זענען בעצם גוט און ענק זענען בעצם שלעכט.

ווי אזוי ווייזט מען דאס אויף, אז אונז זענען בעצם גוט. דאס ווייזט מען אויף ווען ס'קומט סוכות און א איד נעמט די ארבע מינים אין די האנט אריין, אויב א מענטש וואלט נישט געווען בעצם טוב, ער וואלט נאר מורא געהאט פונעם יום הדין, און ער האט נאר שנעל געמוזט תשובה טון ווייל ער וויל האבן א גוט געבענטשט יאר, אבער בעצם זוכט ער נישט צו זיין גוט, דעמאלטס וואלט געווען די טבע הדברים צו זאגן: יוצא געווען.. ס'איז זמן שמחתינו, רעד שוין נישט פון קיין מוסר, מיט די קדושה, מיט די אויגן, מיט די מויל.. מ'האלט שוין נאך די הייליגע טעג, יעצט קען מען שוין אביסל אפאטעמען ח"ו.. ווען א מענטש וואלט אזוי געזאגט וואלט איך געזאגט קען זיין ער איז בעצם נישט גוט, ער זוכט נישט צו זיין גוט, והראיה, אז די רגע וואס די פרעשו"ר איז אראפגעגאנגען, האט ער שוין נישט קיין געדולד צו די אלע זאכן. אבער אידישע קינדער זענען נישט אזוי, **מ'האט הערשט גע'ענדיגט די הייליגע טעג,**

**מ'האט קוים מוחל געווען אלע עבירות, און זיי הערן נישט אויף זיך צו רייניגן, נאכאמאל די אושפיזין, נאכאמאל די מידות, נאכאמאל קדושה.** וואס ווייזט דאס, אז נאך אזעלכע הייליגע טעג און מ'הערט נישט אויף, און מ'איז ממשיך נאכאמאל און נאכאמאל צו זיין פארנומען מיט די קדושה, זיך צו רייניגן, און צו מטהר זיין בקבלת עול מלכות שמים, לוֹ-לֵב, דאס ווייזט, אז דאס זענען די אידן בעצם, והראיה, זיי לאזן עס נישט אפ, זיי ווערן נישט פארטיג מיט די עבודת ה', מיטן זיך רייניגן, מיט קדושה.

דאס איז די 'דידן נצח', מ'האט זיך גע'טענה'ט ווער איז בעצם טוב און ווער איז בעצם שלעכט, איך האב א ראי' פאר דיר, וויזט מען עס אויף, קוק וואס אידן טוען סוכות, סוכות וואלט געדארפט זיין די צייט פון לאזן אלעס לויפן ח"ו, מ'האט שוין קיין שייכות מיט די אלע העכערע עבודה'דיגע אויסגעהארעוועטע זאכן, און דערוויל נעמט מען די לולב אין די האנט, מ'קוקט אריין אין די לולב, כל עצמותי תאמרנה, מ'קאכט זיך אריין אין די מצוה נאכאמאל און נאכאמאל, דאס איז די דידן נצח, מיט דעם ווייזט מען אויף וואס די אידישע קינדער זענען באמת. און אז **'תודיעני אורח חיים'** מ'לערנט זיך ארויס די תוכחת מוסר פון די מצוה, מ'גייט צי צו די מצוה אויף א אופן פון זיך מתבונן זיין דערין, דאס איז **'נעימות בימינך נצח'**, דאס ווייזט אז אונז האבן מנצח געווען, און אונז זענען יא בעצם גוט.

לפי זה קען מען זאגן אויף די נוסח הברכה, **'לקיחה'** גייט דאך ארויף אויף א זאך וואס מ'קויפט מיט געלט, אזוי ווי דער מדרש אליינס ברענגט דארטן 'ולקחתם אגודת אזוב' מה דאך אן אזוב וואס קאסט אזוי וויניג באקומט מען אזויפיל שכר, כל שכן לולב וואס קאסט אסאך מער. **'נטילה'** טייטשט נעמען אין די הענט אריין. אויב וואלט מען געמאכט די ברכה 'על לקיחת לולב', וואלט מען געקענט מיינען אז די מצוה איז צו קויפן ארבע מינים, אוודאי איז עס גאר א הייליגע מצוה, אידן לאזן זיך קאסטן פאר דעם, אבער דאס וואלט נאך נישט געווען גענוג, אונז דארפן האבן א מצוה וואס אפילו מ'האט שוין לאנג באצאלט דעם לולב, אבער יעדע מאל וואס מ'נעמט עס אין די האנט אריין געבט מען זיך נאכאמאל א שאקל, און מען איז זיך נאכאמאל מתבונן, מען איז זיך מדבק אין די קדושה פון די מצוה, אין די 'אורח חיים' פון די מצוה, דאס האבן די

הייליגע חכמים געוואלט, אז אנשטאט צו קויפן די לולב און יוצא געווען, **זאגט מען דווקא 'על נטילת לולב', מ'נעמט עס איינמאל און נאכאמאל, און ביי יעדע נטילה קוקט מען אריין אין דעם, מ'איז זיך מתבונן אין דעם, מ'איז זיך מדבק אין די קדושה**, און דאס ווייזט אז זיי זענען בעצם טובים, און ווילן זיין ריין און הייליג, אזוי האבן אונז מנצח געווען, און זוכה געווען צו אלע שפע קודש מן השמים, אני והו הושיעה נא.

לקבל הגליון ע"י Email מדי שבוע, בס"ד
נא לשלוח מודעה לאדרעס
Geshmak@Koshermail.net

להערות והארות – וכן ליטול חלק בהוצאת
השיעורים לאור עולם,
נא להשאיר מודעה על מספר הטעלעפאן:
845-540-2180 או ע"י Email אדרעס הנ"ל

שאר דרשות עה"ת ומועדים
ניתן לשמוע בקו 'קול התורה' דחסידי סקווירא
845-678-8363 > 2 > 4 > 7